STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08222

A BAZUKH IN SOVET-RUSLAND

S. Yefroikin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זלמן יעפרויקין

אַ בּאַזוך אין סאָוועט-רוסלאַנד

איינדרוקן און באַגעגענישן

פאַרלאַג „אַרבעטער־רינג"
ניו־יאָרק 1962

ZALMAN YEFROIKIN

(S. Efron)

A VISIT TO SOVIET RUSSIA

IMPRESSIONS AND EXPERIENCES

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פֿון דער צענטראַלער פֿאַרוואַלטונג
פֿון די ניו־יאָרקער אַרבעטער־רינג־שולן

COPYRIGHT 1962 BY
S. EFRON

All rights reserved. This book or parts thereof, must not be reproduced in any form without permission

Published by the

WORKMEN'S CIRCLE

NEW YORK, 1962

מיין ליבער פֿרוי
איימי

א י נ ה אַ ל ט

פאָרוואָרט — נ. כאַנין 5

1

דער אַריינפאָר אין סאָוועט־רוסלאַנד 7

2

אין מאָסקווע — ביי דעם פּאַראַד פאַר דעם פליער טיטאָוו 16

3

אַמעריקאַנער טוריסטן און רוסן פירן דיסקוסיעס 24

4

די סאָוועטישע באַפעלקערונג לעבט אין אַ וועלט פון ליגנס 31

5

ניטאָ קיין יום־טוב אין סאָוועטישן לעבן 39

6

באַגעגעניש מיט יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד 46

7

די פרוי וואָס האָט אַלץ פאַרלאָרן 53

8

די יידישע יוגנט און די יידישע קולטור 61

9

ער שיקט דורך מיר אַ גרוס צום ברודער אין רוסלאַנד 70

10

פרייטאָג־צו־נאַכט ביי אַ יידישער משפחה אין מאָסקווע 78

11

וואָס איך האָב געלערנט פון מיין רייזע אין רוסלאַנד 89

12

די יידן אין רוסלאַנד — זייער היינט און מאָרגן 99

פאָרוואָרט

לייענערס פון צייטונגען וואָס אינטערעסירן זיך מיט וועלט־פּאָליטיק זיינען, איך בין זיכער, באַזונדער פאַראינטערעסירט אין דעם וואָס מען שרייבט וועגן סאָוועט־רוסלאַנד. מען אינטערעסירט זיך מיט דעם „נייעם עקספּערימענט" איבערצובויען די וועלט. הויפּטזעכלעך אָבער קומט דער אינטערעס, ווי מיר דוכט זיך, צוליב דעם, וואָס דער סאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט איז שטאַרק און שרייענדיק, און ער ברענגט יעדע ווײַלע נייע „סופּריזן". דאָס וועקט ביי דעם לייענער אַ גרויסן אינטערעס אין אַלץ וואָס עס קומט פאָר אין רוסלאַנד.

מיר זיינען צוגעוואוינט תמיד צו הערן איבערראַשונגען פון רוסלאַנד. זיי קומען גיך איינע נאָך די אַנדערע. מיר הערן וועגן ספּוטניקס וואָס דרייען זיך אין די הימלשע ספערעס, וועגן מיסל־עקספּערימענטן. גאָר לעצטנס איז געקומען די נייס וועגן דער וואַנט אין בערלין, וועגן דעם קאַמף קעגן סטאַלינען, וועמענס קערפּער מען האָט פּלוצעם אַרויסגענומען פון מאַזעליי און באַגראָבן ביי דער קרעמל־וואַנט. דאָס אַלץ ווערט באַגלייט מיט פּראָפּאַגאַנדע־באָמבעס, וואָס האַלטן אין איין פאַלן אויף אונדזערע קעפּ. איך שטעל מיר פאָר, אַז אַ סך לייענערס — און איך בין איינער פון זיי — זיינען שוין מיד פון דער סאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע כדי צו שרעקן די וועלט און צו צעטומלען די סאָוועטישע באַפעלקערונג.

ניט אָפט באַגעגענען מיר אין דער פּרעסע פון דער דעמאָקראַטישער וועלט באַשרייבונגען וועגן דעם טאָג־טעגלעכן לעבן אין סאָוועט־רוסלאַנד, וועגן דעם מענטשן אין גאַס. אַזעלכע באַשרייבונגען האָט זלמן יעפּרויקין אונדז געגעבן אין זיינע רייזע־איינדרוקן פון רוסלאַנד, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין „פאָרווערטס" אין חודש אָקטאָבער 1961 און ווערן דאָ איצט געבראַכט אין בוך־פאָרעם.

אין לויף פון דער ניט־לאַנגער צייט וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין סאָוועט־רוסלאַנד האָט ער דער עיקר זיך באַגעגנט מיט מענטשן — מיט אַזוי

פיל מענטשן וויפל עס איז נאָר מעגלעך געווען. ער האָט מיט זיי גערעדט אין די גאַסן פון לענינגראַד, מאָסקווע און קיעוו. ער איז געווען אין זייערע היימען און געזען ווי אַ סאָוועטישער מענטש לעבט. ער גיט איבער געשפּרעכן וואָס ער האָט געפירט, און מיר דוכט זיך, אַז מיט אָט דעם אופן פון באַשרייבן זיין רייזע האָט ער אַ סך דערגרייכט.

איך האָב געלייענט און לייען איצט אַ סך וועגן סאָוועט־רוסלאַנד. דאָך זיינען פאַר מיר ז. יעפּרויקינס אַרטיקלען געווען אויסערגעווייטלעך אינ־טערעסאַנט. אַ דאַנק זיי האָב איך געזען ווי אַזוי אַ סאָוועטישער מענטש לעבט. ער האָט מיך אַריינגעפירט אין זייערע וואוינונגען. עס נעמט אייך דורך אַ שוידער ווען איר טראַכט וועגן דער ענגשאַפט און אַנטי־היגיעניש־קייט אין די וואוינונגען. עס וואונדערט אייך ווי אַזוי אַ פאָלק קען דאָס אַריבערטראָגן. איר פילט עכטקייט און אויפריכטיקייט אין די געשפּרעכן מיט פאַרשיידענע מענטשן וואָס ז. יעפּרויקין גיט איבער. איר פילט פון זיי אַרויס די אומפרייהייט פון סאָוועטישע מענטשן, די מורא וואָס לעבט אין יעדן איינעם אַפילו איצט אונטער כרושטשאָווס פירערשאַפט.

דער מערדער סטאַלין איז אַוועק. די איצטיקע סאָוועטישע פירערס האָבן אויפגעדעקט זיין מערדערישן פּרצוף. דאָך איז דער סאָוועטישער מענטש ניט פרייער. יעדער איינער שרעקט זיך וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. סאָוועט־רוסלאַנד איז נאָך היינט איין גרויסע טורמע, וואו מענטשן זיינען פאָליטיש און גייסטיק פאַרשקלאַפט.

באַזונדער דערציילט ז. יעפּרויקין אין זיינע רייזע־באַשרייבונגען וועגן דעם ווי אַזוי עס לעבן יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד. ער ווייזט אונדז ווי דער אַנטיסעמיטיזם הענגט איבערן קאָפּ פון אַ דריי־מיליאָניקן יידישן ישוב. מיט אַ גערדיקט געמיט און מיט אַ געוויסער מורא האָבן יידישע מענער און פרויען אים דערציילט וועגן זייער שווער און שרעקלעך לעבן.
איך בין זיכער, אַז דאָס בוך וועט דעם לייענער געבן אַן אמת בילד וועגן דעם לעבן פון די רוסישע מענטשן און פון די רוסישע יידן אונטער דער גרויזאַמער דיקטאַטור.

נ. באַנין

ניו־יאָרק, פעברואַר 1962.

קאַפּיטל איינס

דער אַריינפאָר אין סאָוועט־רוסלאַנד

די געדריקטע שטימונג ביים אָנקומען אין לענינגראַד. — דער טוריסט ווייס ניט אין וועלכן האָטעל ער וועט איינשטיין. — טייערע מעבל, גרויסאַרטיקע טעפּעכער און לוקסוס אין האָטעל און דאָך איז אומהיימלעך. — זכרונות פון אַמאָל. — אַ שפּאַציר אויף נעווסקי פּראָספּעקט.

דער רוסישער עראָפּלאַן וואָס פירט אונדז פון העלסינקי (פינלאַנד) קיין לענינגראַד איז פול מיט אויסלענדער, דער עיקר אַמעריקאַנער וויסנשאַפטלערס, וואָס פאָרן צום קאָנגרעס פון ביאָ־כעמיקערס, אַ קאָנגרעס אין וועלכן עס באַטייליקן זיך 5,000 דעלעגאַטן פון די פאַרשיידנסטע אוניווערסיטעטן איבער דער וועלט.

די רייזע פון העלסינקי ביז לענינגראַד דויערט איבער אַ שעה און אין משך פון דער גאַנצער צייט זיינען אַלע אין שטאַרקער שפּאַנונג, אין דערוואַרטונג. נאָר אָט האָט דער עראָפּלאַן זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן רוסישן באָדן. דער עולם, ווי ער איז געוואוינט אין אַלע אַנדערע לענדער, הייבט זיך אויף צו גיין צום אַרויסגאַנג. נאָר אַ פעסטע שטים לאָזט וויסן אַז אַלע זאָלן בלייבן אויפן אָרט, ביז די רוסישע באַאַמטע וועלן אַרויפשטייגן. די שטים זאָגט אויך אָן אַז יעדערער זאָל האָבן גרייט זיין פּאַספּאָרט און אויך די אויסגעפילטע טאַמאָזשנע דעקלאַראַציע. אין דער דעקלאַראַציע לאָזט מען אייך וויסן אַז איר מוזט אָנגעבן וויפל אויסלענדישע וואַלוטע איר פירט אַריין. איר קענט אויך אריינברענגען אויסלענדישע ביכער, זשורנאַלן אָדער צייטונגען בתנאי אַז זיי זיינען פאַר אייער אייגענעם

געברויך און איר דאַרפט קאָרעקט אָנגעבן די ביכער און צייטונגען וואָס איר האָט ביי זיך, אויב דער באַאַמטער וועט אייך פרעגן.

עס קומען אַרויף באַאַמטע פון אינערן־מיניסטעריום אין גרינע מונדירן. מען נעמט ביי אייך צו דעם פּאַס און די דעקלאַראַציע. דערנאָך פירט מען אייך אַראָפּ פון עראָפּלאַן און מען פירט אַלע טוריסטן אַריין אין אַ פאַרמאַכט צימער. אַחוץ באַאַמטע זעט איר ניט קיין רוסן. עס הערשט אַ שווערע שטילקייט. יעדערער איז זיכער נייגעריק צו וויסן וואָס וועט זיין ווייטער. נאָך אַ 25 מינוט קומט אַריין אַ צאָל־באַאַמטער, גיט אייך אָפּ די דעקלאַראַציע און נעמט ביי אייך צו די באַגאַזש־בילעטן. דער עולם ווערט פרייער, נעמט רעדן צווישן זיך אַפילו זיך וויצלען וועגן דעם וואָס עס וועט ווייטער זיין. מען רעדט וועגן דעם, אַז מסתמא וועט מען, אַזוי ווי איצט, זיין אין רוסלאַנד אָפּגעטיילט פון די אַרומיקע, אָן קאָנטאַקט מיט רוסישע מענטשן און אַז די האָטעלן וועלן זיכער ניט פאַרמאָגן די באַקוועמלעכקייטן, צו וועלכע אַמעריקאַנער זיינען געוואוינט. מען איז נייגעריק צו וויסן צי מען וועט אין לענינגראַד, אָדער אַנדערע שטעט אין רוסלאַנד, קענען פריי אַרומגיין וואו מע וויל און זען וואָס מען וויל, צי עס וועט ניט „עמעצער" שטענדיק האַלטן אַן אויג אויף אייך.

***

אין אַ צייט אַרום הער איך רופן מיין נאָמען. מען גיט אונדז אונדזערע פּעסער און מיר גייען אַריבער אין רשות פון אינטוריסט. דער אינטוריסט־באַאַמטער פירט אונדז צו צו אַן אויטאָמאָביל וואָס דאַרף אונדז ברענגען אין האָטעל. אין אויטאָמאָביל געפינען מיר שוין אונדזער באַגאַזש. צי עמעצער האָט דעם באַגאַזש דורכגעקוקט אָדער ניט, פאַרבלייבט פאַר אונדז אַ סוד.

מיין האַרץ קלאַפּט פון נייגער. פאַר איך דאָך אין דער שטאָט, וואו איך האָב אין מיינע גאַר יונגע יאָרן פאַרבראַכט פיר פריילעכע און ביז גאָר אינטערעסאַנטע יאָרן. איך קוק אין אַלע זייטן. ניטאָ די ליכטיקייט וואָס מען זעט ווען מען פאָרט פון ניו־יאָרקער לופט־פעלד, מען זעט ניט די הונדערטער און הונדערטער אויטאָמאָבילן וואָס לויפן אין אַלע ריכטונגען איבער ברייטע, רחבותדיקע וועגן.

מיר פֿאָרן אויף אַ שמאָלן, איך וואָלט געזאָגט דאָרפֿישן, אמת אויס־געפּלאָסטערטן וועג. אַרום און אַרום איז חושך. אין דער פֿינצטער־קייט באַמערק איך אַ גרויסן בנין. איך פֿרעג דעם שאָפֿער:

— וואָס פֿאַר אַ בנין איז עס?

— אַן אינסטיטוט.

— וואָס פֿאַר אַן אינסטיטוט?

— איך ווייס ניט. — ענטפֿערט ער שאַרף.

וויפֿל איך פּרוּוו ניט פֿאַרבינדן מיט אים אַ געשפּרעך אויף דעם לאַנגן וועג פֿון איבער אַ שעה, איגנאָרירט ער מיך.

נאָך אַ לאַנגן פֿאָרן אין דער פֿינצטערקייט רופֿט ער פּלוצעם אויס:

— מיר זײַנען אויף נעווסקי פּראָספּעקט.

מײַן נײַגער דערגרייכט דעם העכסטן פּונקט. איך קוק מיר אַרום: פֿינצטער און שטיל אַרום. ס'איז טאַקע 12 בײַנאַכט, אָבער אַמאָליקע יאָרן איז אין דער שפּעטער שעה „נעווסקי" געווען פֿול מיט ליכט און מיט לעבן.

פֿון צײַט צו צײַט באַמערק איך ווי ערגעץ אין אַ ווינקעלע קושט זיך אַ יונג פּאָרל (אגב ווערט אַזאַ עפֿנטלעכער אויסדרוק פֿון ליבע באַטראַכט אין רוסלאַנד ווי אַ בורזשואַזער אָפּנייג).

דער שאָפֿער דרייט זיך אַרײַן אין אַ זײַטיקער גאַס (שפּעטער האָב איך אויסגעפֿונען אַז די גאַס טראָגט דעם נאָמען פֿון אַ באַרימטן אין רוסלאַנד יידישן קינסטלער בראָדסקי), שטעלט זיך אָפּ בײַ אַ גרויסן בנין: — „אָט דאָס איז אייער האָטעל, האָטעל אייראָפּע" — רופֿט ער אויס. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס מיר האָבן געהערט דעם נאָמען פֿון אונדזער האָטעל.

***

מען פֿירט אונדז אַרײַן אין אָפֿיס פֿון אינטוריסט, וואָס געפֿינט זיך בײַ יעדן גרויסן טוריסטן־האָטעל. זיי באַשטימען פֿאַר אונדז אַ צימער, גיבן אונדז אַרויס געלט־קופּאָנען אויף צו עסן. מען גיט אונדז אויך צו פֿאַרשטיין אַז ווי לאַנג מיר וואוינען אין רוסלאַנד געפֿינען מיר זיך אונטער דער אַפּטרופּסות פֿון אינטוריסט; זיי וועלן זיך זאָרגן וועגן אונדזערע באַקוועמלעכקייטן און האָבן איבער

אונדז די השגחה; אַז זיי וועלן מיר ניט קענען פֿאָרן פֿון איין שטאָט אין דער צווייטער און אפילו ניט פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד. אַזוי איז עס טאַקע געווען. וואוהין מיר זיינען שפּעטער ניט געפֿאָרן האָט אונדז צום לופֿטפעלד געפירט אַ פֿאַרטרעטער פֿון אינטוריסט און וואו מיר זיינען ניט אָנגעקומען האָט אונדז אויפֿן לופֿטפעלד באַגעגנט אַ פֿאַרטרעטער פֿון אינטוריסט. מיר האָבן קיין מאָל ניט געוואוסט פֿריער אין וועלכן האָטעל מיר וועלן איינשטיין.

ווען מיר זיינען אַריין אין צימער פֿון האָטעל „אייראָפּע" זיינען מיר געפּלעפט געוואָרן פֿון דער רייכקייט וואָס מיר האָבן דערזען אַרום זיך. ערשטנס, האָט מען אונדז געגעבן אַ גאַנצן אַפּאַרטמענט פֿון דריי צימערן. צווייטנס, איז דאָס מעבל אין די צימערן געווען אַנטיק-מעבל. אויף די דילן זיינען געווען די טייערסטע אָריענטאַלע טעפּיכער, אויף די ווענט זיינען געהאַנגען וואונדערלעכע קונסט-בילדער אין ראַמען פֿון טייערסטן אויסגעשניצטן האָלץ און די טייערסטע שפּיגלען. דער גרעסטער וואונדער איז געווען די גרענד-פּיאַנאָ וואָס איז געשטאַנען אין זאַל, געמאַכט ווי מען זאָגט עס פֿון „פּימסען האָלץ", און אויף דער פּיאַנאָ קינסטלערישע אויסשניצונגען. דאָס איז געווען אַ פֿראַנצייזישע פּיאַנאָ נאָך פֿון די אַלטע צייטן. מיר האָבן ניט געקענט באַגרייפֿן פֿאַרוואָס זי איז דאָ געבליבן, פֿאַרוואָס מען נעמט זי ניט אַוועק. אויך זיינען געשטאַנען אין צימער וואַזעס פֿון זעלטענעם כינעזישן פֿאָרצעליי.

מיר זיינען זיך משער אַז דער האָטעל איז פֿריער מסתמא געווען אַ פּאַלאַץ, אָדער אַ האָטעל, וואו עס פֿלעגן איינשטיין פּרינצן. זיי האָט זיך גוט געלעבט אין אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד און אונדז — די אַמעריקאַנער טוריסטן — האָט זיך איצט גוט געלעבט אין סאָוועטישן רוסלאַנד. ניט נאָר זיינען מיר איינגעשטאַנען אין לענינגראַד און שפּעטער אין מאָסקווע און קיעוו אין רייכע האָטעלן, נאָר מיר האָבן געגעסן גוטע מאָלצייטן, האָבן געהאַט גענוג געלט-קופּאָנען אויף צו באַשטעלן אפילו שנאַפּס אָדער שאַמפּאַניער און האָבן געהאַט אין אונדזער רשות, מינימום זעקס שעה אַ טאָג, אַן אויטאָמאָביל און שאָופֿער. ס'האָט זיך אונדז קיין מאָל ניט געחלומט מיר זאָלן אַזוי גוט לעבן, אוודאי ניט אין רוסלאַנד.

אָבער די רוסישע האָטעלן מיט זייער גאַנצער רייכקייט זיינען אומהיימלעך. עס פעלט זיי די עלעגאַנץ און יום-טובדיקייט פון די אייראָפּעאישע און אַמעריקאַנער האָטעלן, די רייכע ליכטיקע וואַרטצימערן (לאָבים), די עלעגאַנטע געשעפטן. צווישן זייערע ווענט איז אַן אומעט, אַ מין וואָכעדיקייט. זיי זיינען אָפּט אויך אָפּגעלאָזן. מען זעט אָפּגעפּאַלענע שפּליטערס פון די ווענט, אַראָפּ-געפּאַלענע הענטלעך פון די טירן. אין וואַשצימער פון האָטעל איירָאָפּע, למשל, זיינען געווען צוויי גרויסע וואַש-באַסיינען, אָבער זיי זיינען געווען פאַרגעלט און פאַרזשאַווערט און צעשפּאָלטן אין אַ סך ערטער. אין די וואַנעס פון די האָטעלן האָט זיך ניט געגלוסט אַוועקצוזעצן. צום גליק איז צו זיי געווען צוגעטשעפּעט אַ הענטל מיט אַ שפּריץ (דאָס קען מען אגב זען אין אַ סך איירָאָפּעאישע האָטעלן).

* *
*

אָנגעקומען אין לענינגראַד זיינען מיר שבת, שפּעט ביינאַכט. זונטיק, דעם 6טן אויגוסט, אין דער פרי, זיינען מיר באַלד אַרויס צו פוס צו באַקוקן די שטאָט. מיר האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער זען די שטאָט וואָס האָט אין משך פון פיר יאָר באַוויזן זיך איינצו-באַקן אין מיין הארצן, וואו איך האָב איבערגעלעבט מאָמענטן פון גרויס פרייד און מאָמענטן פון גרויס צער. בין איך דאָך געווען אַן עדות פון דער פעברואַר-רעוואָלוציע, ווען איך האָב זיך אַריינ-געגאָסן אין די גרויסע פריידיקע און קעמפערישע מאַסן-דעמאָנ-סטראַציעס איבער די פּעטראָגראַדער גאַסן. האָב איך דאָך דאָרטן איבערגעלעבט די פרייד פון זיג איבער דעם צאַריזם, ווען עס האָט זיך געדוכט אַז רוסלאַנד וועט ווערן אַ לאַנד פון פרייהייט און גלייכהייט פאַר אַלעמען. האָב איך דאָך דאָרטן אויך איבערגעלעבט דעם צער פון דעם יולי-אויפשטאַנד פון די באָלשעוויקעס, ווען אַרבעטער האָבן געקעמפט קעגן אַרבעטער און די הייזער און ברוקן פון פּעטראָגראַד זיינען באַשפּריצט געוואָרן מיט אַרבעטער-בלוט. איך האָב איבערגעלעבט דעם צער צו זען ווי אַזוי די באָל-שעוויסטישע כוחות האָבן שפּעטער אין אָקטאָבער באַלאַגערט דעם ווינטער-פּאַלאַץ — דאָס זיץ-אָרט פון דער קערענסקי-רעגירונג. ווי

אזוי די קראַנשטאַטער מאַטראָזן האָבן פון דער קריגשיף „אַווראָראַ" באַשאָסן דעם פּאַלאַץ און סוף־כל־סוף האָט די צייטווייליקע קערענסקי־רעגירונג זיך געמוזט אונטערגעבן. אָט יענע נאַכט, ווען מיין הארץ, דאָס האַרץ פון אַ יונגן בחור, איז געווען איבערפילט מיט צער און ווייטיק, וועל איך קיין מאָל ניט פאַרגעסן. איך טראָג ביז היינט־צו־טאָג דעם צער און ווייטיק אין מיין האַרצן. אמת, מיר האָבן געהאַסט די צאַרישע רעגירונג, אָבער מיר האָבן רוסלאַנד געליבט. מיר זיינען געווען אין צאַרישן רוסלאַנד אויסערלעך אונ־טערדריקט, אָבער אינערלעך זיינען מיר געווען פריי. קעמפן פאַר פרייהייט קענען נאָר אינערלעך פרייע מענטשן, מענטשן מיט אַ פרייען גייסט. אָט דער קאַמף — אַ קאַמף וואָס מיר האָבן אין צאַרישן רוסלאַנד געקענט פירן — האָט געוועקט אין אונדז חשיבות צו זיך און גלויבן אין זיך, האָט פריידיק געמאַכט אונדזער לעבן. מיר האָבן דאָך אויך איינגעזאַפּט אין זיך די רוסישע קולטור, די קולטור וואָס האָט אַרויסגעגעבן פון זיך איינע פון די רייכסטע ליטעראַטורן, אַ ליטעראַטור וואָס איז אפילו אין די צאַרישע צייטן געווען פריי און האָט תמיד געשטאַרקט דעם מענטשלעכן גייסט און געוועקט אין דעם לייענער די דערהויבנסטע געפילן.

***

איז האָב איך זיך געלאָזט צוזאַמען מיט מיין פרוי, וועמען איך האָב דערציילט וועגן מיינע אַמאָליקע איבערלעבונגען און געפילן, איבער די גאַסן פון לענינגראַד. מיר זיינען אַוועק אין דער ריכטונג פון נעווסקי פּראָספּעקט.

— קום — האָב איך געזאָגט מיין פרוי — אַ קוק טאָן אויף איינער פון די שענסטע גאַסן אין אייראָפּע.

ווען איך האָב איר דאָס געזאָגט, בין איך ניט געווען זיכער ביי זיך אַליין, ווייל איך האָב מיר דערמאָנט ווי פינצטער און אומעטיק „נעווסקי פּראָספּעקט" האָט אויסגעזען די נאַכט פריער. איך האָב מורא געהאַט אַז מיין פרוי וועט ווערן אַנטוישט און ביי מיר אַליין וועט אויסגעלאָשן ווערן אַ שיינע דערינערונג פון די יוגנטלעכע יאָרן. צום באַדויערן איז טאַקע אַזוי געווען. ס'איז געווען אַ ליכ־טיקער זוניקער טאָג, אָבער דער באַרימטער „נעווסקי" האָט אויס־

געזען גרוי און חושכדיק, אָרעם און קאַלירלאָז. די אָרעמקייט און אָפּגעלאָזנקייט האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן. קיין סימן פון וועלכער ניט איז עלעגאַנץ. די גאַס איז געווען פול מיט מענטשן, דער עיקר יונגע (אַלטע מענטשן זעט מען כמעט ניט אויף די רוסישע גאַסן). אָבער זייער הולך איז געווען אַן אָרעמער, אַן אָפּגעלאָזענער און האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דער גרויקייט און אָפּגעלאָזנקייט פון די אָרומיקע הייזער. מיר האָבן זיך דערמאָנט אָן די מערב-אייראָפּעאישע שטעט, וואו מיר זיינען ניט לאַנג געווען, אָן פּאַריז, ווין, סטאָקהאָלם, קאָפּענהאַגן און אַנדערע. דאָרטן — עלעגאַנץ, לעבעדיקייט, פרייליכקייט. דאָ — נעמט אייך אַרום אַן אומהיימלעכקייט, איר זעט ניט קיין פריילעכע פּנימער, איר הערט ניט קיין לוסטיק געלעכטער. עס זעט אויס אַז די לאַנגע, פּיליאָריקע אומברחמנותדיקע דיקטאַטור האָט אין גאַנצן אָפּגעטייט דעם גייסט פון דער באַפעלקערונג, זי געמאַכט הילפלאָז און פאַטאַליסטיש לגבי דער דיקטאַטור. דאָס איז דער איינדרוק וואָס איר קריגט גייענדיק איבער די גאַסן פון לענינגראַד און שפּעטער כמעט אויך אין מאָסקווע און קיעוו.

מיר זיינען געקומען אין דער געגנט פון פּוטילאָווער זאַוואָד (איצט קיראָווער), וואו עס האָט תמיד געוואוינט דער פּראָלעטאַריאַט פון לענינגראַד. די שמאָלע גאַסן זיינען געווען איבערגעפּאַקט מיט אָרעמע, אָפּגעלאָזענע אַרבעטער. די הייזער אַרום זיינען געווען אַלט און קליין. די ווענט צעשפּאָלטענע. אַ סך פענצטער זיינען געווען אויסגעבראָכן. דאָס שטיפן און לוסטיקייט פון די קינדער אויף די גאַסן איז געווען אין שאַרפן קאָנטראַסט מיט דער אַרומיקער גרויער אָרעמקייט. אַזוי לעבט דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט, וואָס אין זיין נאָמען איז געמאַכט געוואָרן די רעוואָלוציע, דער טייל זיינער וואָס איז אין 1917 דער ערשטער אַרויס אין די גאַסן מיט דעמאָנסטראַציעס קעגן צאַריזם.

די שיינע פּאַלאַצן פון לענינגראַד, דער פּרעכטיקער בנין פון דער אַדמיראַלסטווע, דער איסאַקאָווסקי סאָבאָר און קאַזאַנסקי סאָבאָר (ביידע זיינען איצט מוזייען), די פּרעכטיקע דענקמעלער, — וואָס איר זעט אויף די גאַסן, די פּעטראָפּאַוולאָווסקע פעסטונג —

די אַלע בנינים פון דער שענסטער אַרכיטעקטור — מאַכן נאָך בולטער די אַרומיקע אָרעמקייט און אומהיימלעכקייט.

***

מיר זיינען געגאַנגען פאַזע דעם טייך נעווע. דאָרטן קעגן איבער דעם ווינטער־פּאַלאַץ האָבן מיר געזען די שיף „אַווראָראַ". זי שטייט ביים ברעג ווי אַ מאָנומענט צו דער אָקטאָבער־רעוואָ־לוציע. לעבן איר שטייט אַ טאָוול מיט דער אויפשריפט: „דעם 25סטן אָקטאָבער (7טן נאָוועמבער) 1917 האָט דער קרייצער „אַווראָראַ" וואָס שטייט ביי דעם אָרט מיט דעם שטאַרקן קנאַלן פון זיינע קאַנאָנען אין דער ריכטונג פון ווינטער־פּאַלאַץ אָנגעזאָגט דעם 25סטן אָקטאָבער דעם אָנהייב פון אַ נייער עפּאָכע פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע".

איך האָב געלייענט די אויפשריפט און געטראַכט: צי זיינען ניט די מאַטראָזן פון „אַווראָראַ" — אויב זיי לעבן נאָך — ביטער אַנטוישט אין דער נייער סאָציאַליסטישער עפּאָכע? האָבן זיי טאַקע געוואָלט אַן אָרדענונג וואו דער מענטש זאָל פאַרוואַנדלט ווערן ניט מער ווי אין אַן אַרבעטנדיקן אויטאָמאַט און יעדער סימן פון זיין פּערזענלעכקייט זאָל אין אים דערשטיקט ווערן פון אַן אומ־ברחמנותדיקער דיקטאַטור?

ווי געזאָגט, האָב איך מיר געלאָזט איבער די גאַסן פון לענינ־גראַד דעם 6טן אויגוסט. אויף געוויסע ראָגן זיינען געהאַנגען גרויסע הילכערס; דורך זיי האָט זיך געהערט מיליטערישע מוזיק און אויך רייד פון צייט צו צייט. צו מיר זיינען דערגאַנגען די ווערטער: „אָרביט" און ווי עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט לכתחילה דאָס וואָרט „טיטאָ". די מענטשן אין די גאַסן זיינען רואיק געגאַנגען ווייטער און זיך ניט אָפּגעשטעלט. איך בין אָבער נייגעריק צו וויסן וואָס דאָ קומט פאָר. שטעל איך אָפּ אַ יונגן רוס און פרעג אים:

— זייט אַזוי גוט און זאָגט מיר צוליב וואָס איז די מוזיק און וואָס זיינען די רייד?

ענטפערט ער מיר גאַנץ רואיק:

— אַ רוסישער פליער, גערמאַן טיטאָוו, איז אַרויסגעפלויגן אין שטח און איז שוין אַרומגעפלויגן אַרום דער ערד פינף מאָל.

אַ זאָג געטאָן און איז זיך געגאַנגען ווייטער זיין וועג.
איך האָב ביי זיך געטראַכט:
„הייסט עס, די רוסן האָבן אונדז אַמעריקאַנער שוין ווידער אַריבערגעיאָגט".
אָבער איין זאַך האָב איך ניט געקענט פאַרשטיין: פאַרוואָס זיינען די רוסן אַזוי קאַלט וועגן דעם גאַנצן ענין, קיין שום באַגייסטערונג, קיין שום אויפרעגונג. מענטשן גייען זיך רואיק זייער וועג.

קאַפּיטל צוויי

אין מאָסקווע — ביי דעם פּאַראַד פאַר דעם פליער טיטאָוו

די שטימונג ביי די אַמעריקאַנער טוריסטן אין שייכות מיט טיטאָווס דערגרייכונג. — אויפן רויטן סקווער. — ריזיקע מאַסן מאַרשירן ווי אַטאָמאַטן אָן באַגייסטערונג. — מען איז געהאַרכזאַם דעם רעזשים. — די שווערע לאַגע פון דער פרוי.

אַ גאַנץ אַנדער שטימונג האָב איך געפונען ביי די אַמעריקאַנער טוריסטן ווען איך בין צוריקגעקומען אין האָטעל.

— הייסט עס, אַז די רוסן האָבן אונדז ווידער אַריבערגעיאָגט וואָס שייך וויסנשאַפטלעכער טעכניק, זיכער זיינען מיר ווייט הינטערשטעליק לגבי זיי אויפן געביט פון באַזיגן די הימלשע שטרעקעס.

— ווי לאַנג — פרעגט איינער — וועלן מיר זיך קענען דערלויבן זיין אַזוי הינטערשטעליק לגבי רוסלאַנד?

— זיי ווערן דאָך מיליטעריש אַלץ שטאַרקער פון אונדז — רופט אוים נאָך איינער.

עס הערן זיך אויך אַנדערע שטימען און זיי ווערן אַלץ העכער.

— די גאַנצע זאַך מוז זיין ניט מער ווי אַ שווינדל, איינצושרעקן די וועלט, צו ווירקן אויף די נערוון.

— אויב רוסלאַנד איז אַזאַ הויך אַנטוויקלט לאַנד, טאָ פאַרוואָס איז אַלץ ביי זיי פאַרוואָרלאָזט?

— פאַרוואָס זיינען די מענטשן אָנגעטאָן אַזוי אָרעם, אַזוי אָפּגעלאָזן?

— פאַרוואָס טראָגן זיי נים קיין אָנצוג, קיין שניפּס? פאַר־וואָס, אויב זיי טראָגן שוין אַן אָנצוג, זיינען דאָס רעקל און די הויזן פון פאַרשיידענעם קאָליר און אָפּגעבליאַקעוועט? פאַרוואָס זיינען די הויזן ביי זיי נים אויסגעפּרעסט?

— פאַרוואָס איז פאַרשוואונדן פרייד פון זייערע פּנימער?

די פראַגעס רופן אַרויס הייטערקייט ביים טוריסטן־עולם. מיר ווערן האָפערדיק ביי זיך. עס שטייגט אין אונדז דער גלויבן אין די כוחות און מעגלעכקייטן פון אונדזער אייגן לאַנד און מיר נעמען צווייפלען אין די רוסישע באַרימערייען.

ס'איז אונדז אויסגעקומען צו זיין אין מאָסקווע אין דעם טאָג ווען די רוסישע רעגירונג האָט אַראַנזשירט דעם גרויסן פּאַראַד אויפן רויטן סקווער לכבוד טיטאָווס אויפטו. מיר האָבן, אויב איר ווילט, געהאַט „דאָס מזל" צו זיין אויפן סקווער און זיך צוצוקוקן צו דעם אָן־סופיקן שטראָם מאַרשירנדיקע אַרבעטער. גרויסע מאַסן האָבן מאַרשירט שעהן לאַנג. ס'איז געווען אַן אומענדלעכע כוואַליע פון מענטשן און פון גרויסע אימפּאָזאַנטע רויטע פאָנען. דאָ און דאָרטן האָט מען אין דעם מאַרש אויך געטראָגן די בילדער פון די מיטגלידער פון דער פּאָליט־ביוראָ און פון דער רעגירונג (אַגב האָט כרושטשאָוס בילד זיך נים אָנגעזען מער פון די אַנדערע). אָבער ס'איז געווען . . . אַ טייטער מאַרש. קיין שום באַגייסטערונג. מען מאַרשירט שטיל ווי אויטאָמאַטן און שפּעטער, בעת די רעדעס, אַפּלאָדירט מען ווי אויטאָמאַטן. עס איז געווען אַ מאַרש אָן שטימונג, אָן געפיל — אַ שטילער מאַרש. מען האָט געזען אַז עס מאַרשירן מענטשן וואָס ביי זיי איז יעדער גייסט אַטראָפירט, אויסגעלאָשן. לעבן מיר איז געשטאַנען אַן ענגלענדער, אַ דעלעגאַט צום ביאָ־כעמישן קאָנגרעס. ער האָט געהאַלטן אין איין רעדן צו מיר:

— מען קען דאָ שטאַרבן פון לאַנגווייליקייט, ווי דרייט מען זיך אַרום פון דאָ? — רעדט ער. — איך האָב אין מיין לעבן נים געזען אַזוי פיל מענטשן אָן לעבן צונויפגעגאָסן אין איין גרויסער מאַסע.

איך האָב אויף דעם סקווער געטראָפן טוריסטן מיט וועמען איך האָב פאַרבראַכט אין לענינגראַד. מיר האָבן שוין באַוויזן זיך מער צו באַקענען מיט דעם ווי מענטשן לעבן אין רוסלאַנד, זיין אין די אָרעמע וואוינונגען, אָדער הערן וועגן זיי, זיין אין די גרויסע רעגירונג-דעפּאַרטמענט-סטאָרס, גוואַלדיק גרויסע און אומהיימלעכע געשעפטן. די פּאָליצעס זיינען אָנגעלאָדן מיט סחורה פון נידעריק-סטער קוואַליטעט, סחורה וואָס מען זעט ניט פון דעם מין אין אַמעריקע. און די פּרייזן? 25 רובל אַ פּאָר שיך פון שלעכטער קוואַליטעט און 175 רובל פאַר אַ מענער אָנצוג פון אָרעמען מאַ-טעריאַל און שלעכט געניייט. איז ווי זשע קען אפילו אַ קוואַליפי-צירטער ארבעטער, וואָס פאַרדינט אַן ערך 100 רובל אַ חודש, אויסגעבן אַ פערטל פון זיין מאָנאַטלעכער הכנסה אויף אַ פּאָר שיך און כמעט ווי צוויי חדשים שכירות אויף אַן אָנצוג? מיר האָבן געזען אַז ניט נאָר די מענער נאָר אויך די פרויען זיינען אָפּגעלאָזן אין זייער אָנטאָן און אויסזען, ווי פרויען טראָגן לויזע קליידער מיט גרויסע בלומען (אין רוסלאַנד איז ביי די פרויען אַ נטיה צו שרייענ-דיקע קאָלירן), קליידער פון ביליקן שטאָף וואָס זיי האָבן זיכער זיך אַליין אויפגעניייט. מיר האָבן געזען ווי פרויען טוען די שווערסטע אַרבעט, די שוואַרצסטע אַרבעט. זיי רייניקן די גאַסן, זיי זיינען די דזשעניטאָרס, איר זעט זיי ביים בויען שאָסייען, ביים גראָבן קאַנאַלן, איר זעט זיי טראָגן אויף זיך אַ שווערע משא. דערצו דאַרפן זיי, ווען זיי קומען נאָך זיבן שעה אַרבעט אַ טאָג, שטיין אין לאַנגע רייען אויף איינצוקויפן; צוגרייטן אַ מאָלצייט, ברענגען דאָס קינד פון דער קינדער-היים.

זייער אויסזען אינטערעסירט די פרויען ניט. זיינען זיי אין דער מערהייט גראָב און פעט. מערב-מענטשן קענען ניט באַנעמען אַזאַ באַציאונג צו פרויען און אַזאַ באַציאונג פון דער פרוי צו זיך אַליין.

און איצט, אויפן סקווער, האָבן מיר געזען ווי עס מאַרשירט אַ ווילנלאָזע, אַפּאַטישע מאַסע, מיר האָבן געזען ווי אַזוי דער מענטש האָט אין דער מאַסע פאַרלאָרן זיין אייגן פּנים. מיר האָבן געזען ווי אַזוי אין רוסלאַנד איז דאָס פאָלק דיסציפּלינירט צו טראָגן

די משא פון לעבן און ניט צו האָבן אַן אייגענעם ווילן. אַלץ דאַרף קומען פון אויבן. דאָס פאָלק ווערט געפירט מיט דעם ווילן פון אויבן, פון דער הערשנדיקער דיקטאַטור.

מיר האָבן דאָס אַלץ געזען און ביי די, וואָס די ערשטע ניים וועגן טיטאָווס דערגרייכונג האָט אפשר אַרויסגערופן אַן אינפּע־ריאַריטעט־געפיל, איז איצט דאָס דאָזיקע געפיל לחלוטין פאַר־שוואונדן. מען האָט גערעדט צווישן זיך וועגן דער שטיקנדיקער לופט פון רוסלאַנד און יעדערער האָט געציילט די טעג ווען ער וועט צוריקפאָרן קיין אַמעריקע.

ווי שוין געזאָגט, האָט דער רום זיך באַצויגן גלייכגילטיק צו טיטאָווס אויפטו, אין דער צייט ווען די רעגירונג אַליין האָט מיט אַזוי פיל בראַוואַדאָ טרומייטערט וועגן דעם אין רוסלאַנד גופא און איבער דער וועלט (מיר האָבן עס געזען אין לענינגראַד און מאָסקווע). די גלייכגילטיקייט איז געווען אַזוי בולט, אַז אַפילו מיין פירערין אין מאָסקווע, אַ הייסע קאָמוניסטקע און פּאַטריאָטקע, האָט זיך געפילט ניט באַקוועם וואָס איך, אַן אַמעריקאַנער, בין אַן עדות פון דעם. מיט אַן אומעטיקער שטים דערלאַנגט זי מיר אַ זאָג:

— איך הייב ניט אָן צו פאַרשטיין פאַרוואָס דער עולם איז אַזוי קאַלט.

און זי דערציילט מיר אַז ווען גאַגאַרין איז געפלויגן אַרום דער ערד איז דער ענטוזיאַזם געווען גוואַלדיק גרויס, ניט צו באַשרייבן.

איך קריג רחמנות אויף איר און באַרואיק זי:

— איר ווייסט — זאָג איך איר — מענטשן געוואוינען זיך צו צו זאַכן, אַפילו צו אויסערגעוויינטלעכע, געוואַגטע אויפטוען. דאָס פליען פון אייערע קאָסמאָנאַווטן ווערט ביי אייך אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. נאָך גאַגאַרינען האָט איר דאָך געוואוסט וועלן קומען אַנדערע פליערס מיט נאָך גרעסערע אויפטוען.

די באַמערקונג מיינע האָט מיין באַגלייטערין זייער געשמייכלט. איך צווייפל, צי זי האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס איז ביי מיר געווען ניט מער ווי אַ העפלעכקייט מצד אַ גאַסט און אַ מערב־בירגער.

אין די מערב־לענדער באַצייט מען זיך מיט גרויס רעספּעקט צו די רוסישע אויפטוען אויפן געביט פון אינדוסטריאַליזאַציע, פון

וויסנשאַפֿט און אויפֿן געביט פֿון אַריינדרינגען אין די הימלשע ספֿערעס. דער רוס אינטערעסירט זיך מיט די אויפֿטוען גאָר ווייניק.

גאַגאַרינס און טיטאָווס דערגרייכונגען — זאָגט זיך דער רוס אין גאַס — מעגן טאַקע זיין זייער וויכטיק. אָבער — פֿרעגט ער — צי וועט מיין לעבן, דאָס לעבן פֿון מיינע קינדער, ווערן אַדאַנק דעם בעסער? וועל איך קריגן אַ בעסערע דירה, מער און בעסער צו עסן, קליידער און סחורה פֿון בעסערער קוואַליטעט? דער רוס איז גאַנץ אָפֿט מער סקעפּטיש צו די אויפֿטוען פֿון זיין רעגירונג ווי דער מערב-מענטש. אַט פֿויקט מען אויף דער ראַדיאָ, אויף דער טעלעוויזיע און אין רעדעס פֿון כרושטשאָוון, אַז די פּראָדוקציע פֿון געברויך-אַרטיקלען און לעבנס-מיטלען האַלט אין איין שטייגן, אַז מען בויט נייע, שיינע אַפּאַרטמענט-הייזער — אָבער דאָס לעבן פֿון דעם רוס ווערט ניט בעסער. שטעלט ער זיך ניט ווילנדיק די פֿראַגע: אויב עס איז אַזוי גוט ווי מען דערציילט אונדז, איז פֿאַרוואָס איז מיין לעבן נאָך אַלץ אַזוי אָרעם און שווער?

צווישן די אַמעריקאַנער טוריסטן איז פֿאַרשפּרייט אַזאַ מעשה:

איין רוס דערציילט אַ צווייטן אַז די געלערנטע איז געלונגען אויסצואַרבעטן אַזאַ קאָמפּליצירטע אַטאָמישע באָמבע אַז מען וועט זי קענען אַריינלייגן אין אַ וואַליזקע און אַוועקשיקן שטילער-הייט צו אַ געוויסן ציל אין ניו-יאָרק, וואו די באָמבע וועט אויפֿ-רייסן. ענטפֿערט דער צווייטער רוס: דאָס איז אוממעגלעך, ווייל וואו וועט מען קריגן די וואַליזקע?

אָדער ווי געפֿעלט אייך אַזאַ וויץ?

אַ הונגעריקער טרעמפּ ליגט אין רינשטאָק אָנגעטאָן אין שמוציקע שמאַטעס, כמעט אָן באַוואוסטזיין, אין אַ מין לעטאַרגיע. גייט פֿאַרביי אַ צווייטער רוס, דערלאַנגט אויף אים אַ קוק און זאָגט:

— דער חברה-מאַן האָט דערגרייכט דעם סאָציאַליזם.

דער אינטערעס פֿון דעם רוס, פּשוט אויסגעדריקט, איז אין ברויט און פּוטער. און אַזוי ווי די רעגירונג האַלט אים אין פֿאַר-זיכערן, אַז וואָס שייך לעבנס-מיטלען וועט רוסלאַנד מיט דער צייט (איצט זאָגט זי אין 20 יאָר) דעריאָגן און אפֿשר גאָר אַריבעריאָגן אַמעריקע, איז אַ רוס זייער נייגעריק צו רעדן מיט אַן אַמעריקאַנער.

אָפּט זוכט ער אים אפילו אוים און באַוואַרפט אים מיט אַן אַ סוף פּראַגעס וועגן אַמעריקע.

***

איידער איך דערציייל וועגן דעם, און וועגן מיינע באַגעגענישן מיט רוסן און יידן, וויל איך פריער מאַכן אַ פּאָר באַמערקונגען. איידער איך בין געפאָרן קיין רוסלאַנד, בין איך געוווען זיכער אַז איך וועל ניט זיין פריי זיך צו באַוועגן אין די שטעט וואו איך וועל זיך געפינען. מען האָט מיר וועגן דעם געוואָרנט אין ניויאָרק און באַזונדער אין תל־אביב. איך האָב זיך געפילט אין די רוסישע שטעט — לענינגראַד, מאָסקווע און קיעוו — וואָס שייך באַוועגונג, פולשטענדיק פריי. אמת איך בין געפאָרן אין אַן אויטאָמאָביל מיט אַ שאָופער און באַגלייטערין וואָס דער אינטוריסט האָט מיר צוגע־שטעלט. אָבער איך האָב צו יעדער צייט, ווען מיר האָט זיך נאָר געוואָלט, געקענט אָוועקשיקן די באַגלייטערין און אָפּט בין איך געפאָרן מיט דער מעטראָ אָדער אין אַן אויטאָבוס. ווער האָט אין די פאַלן מיר נאָכגעקוקט? איך האָב קיינעם ניט געזען דאָס טאָן.

מען האָט מיר אויך געזאָגט, אַז מען וועט זיך שרעקן מיט מיר צו רעדן און אַוודאי קומען צו מיר אין האָטעל. איז געווען אַזוי: קיינער האָט זיך ניט געשראָקן מיט מיר צו רעדן, אַ טייל זיינען באַלד געקומען צו מיר אין האָטעל און אַנדערע זיינען געקומען נאָך אַ געוויסער קווענקלעניש.

אויך האָט מען מיר געזאָגט אַז אין רוסלאַנד איז ניטאָ קיין טעלעפאָן־בוך. איך האָב אויף דעם ניט געפרעגט אין לענינגראַד און קיעוו, ווייל איך האָב פאַר דעם אין די צוויי שטעט ניט געהאַט קיין נויטווענדיקייט. אָבער אין מאָסקווע האָט דער אינטוריסט מיר געגעבן אַ טעלעפאָן־בוך און מיר אַפילו געוויזן ווי אַזוי אים צו באַניצן.

עס איז דערביי פאָרגעקומען אַ קליינע סצענע. ווען איך האָב אין האָטעל ביי דער פאָרטרעטערין פון אינטוריסט געפרעגט אויף אַ טעלעפאָן־בוך, האָט מיין פרוי גאַנץ אומשולדיק אַ זאָג געטאָן:

— דו ווייסט דאָך אַז אין רוסלאַנד זיינען ניטאָ קיין טעלעפאָן־ביכער.

די פּאַרטרעטערין פון אינטוריסט איז רויט געוואָרן און גע־וואָרפן אַ בייזן בליק אויף מיין פרוי.

אויסצובעסערן די מערכה, האָב איך באַמערקט צו מיין פרוי:

— וואָס רעדסטו? רוסלאַנד איז דאָך אַ הויך ציוויליזירט לאַנד. איז ווי פאַלט דיר גאָר איין צו זאָגן אַז ביי זיי זיינען ניטאָ קיין טעלעפאָן־ביכער?

— „וואָראַטשקאַ", — האָט די פּאַרטרעטערין אַ זאָג געטאָן צו איר געהילפין, — גיב דעם אַמעריקאַנער דאָס טעלעפאָן־בוך. עס ליגט גלייך דאָ אין אַלמער.

***

פון מיינע געשפּרעכן האָב איך שפּעטער אויסגעפונען אַז אַמאָליקע צייטן, אונטער סטאַלינען, איז אַ טוריסט באמת געווען אַ סך מער באַגרענעצט אין זיינע באַוועגונגען און מענטשן האָבן באמת אַ סך מער מורא געהאַט זיך צו באַגעגענען מיט אַן אויס־לענדער. אָבער נאָך סטאַלינען איז די לופט געוואָרן אַ ביסעלע פרייער. מען לעבט ניט מער אונטער שטענדיקער מורא ווי אַמאָל. אין סאָוועט־רוסלאַנד האָט מען שטענדיק דערלויבט אַ געוויסע קריטיק. די קריטיק איז געווינטלעך געווען געווענדט קעגן דער ביוראָקראַטיע און דער אומפעיקייט פון לאָקאַלע באַאַמטע, קעגן חסרונות אין דער פּראָדוקציע. זי איז קיין מאָל ניט געווען און איז אויך איצט ניט געווענדט קעגן דער פּאָליטיק פון דער רעגי־רונג, קעגן די גרונט־יסודות פון רעזשים, אָדער קעגן דער פּאַרטיי. עס איז תמיד אַ קריטיק וואָס ווערט געהאַלטן אין געוויסע ראַמען. דער פאַקט איז אָבער אַז איצט איז מען דרייסטער אויסצודריקן אומצופרידנקייט ווי אין אַמאָליקע יאָרן.

כאָטש דער רוס איז דאַנקבאַר דער רעגירונג פאַר די גרויסע מעגלעכקייטן וואָס ווערט געגעבן דער יוגנט צו קריגן בילדונג (די בילדונג פון די קינדער איז ביי דעם רוס דער גרעסטער אינטערעס), איז שטאָלץ מיט דער אינדוסטריאַליזאַציע, מיליטערישע דערגרייכונגען און איז אַוודאי צופרידן מיט דער סאָציאַלער פאַר־זאָרגונג, איז ער אָבער אָפט גאַנץ סקעפּטיש וועגן דעם וואָס קומט

פאַר אַרום אים. עס הערשט אַ מין פּאַסיווע צושטימונג צו דער רעזשים. ער און די רעגירונג זיינען ביי אים צוויי אָפּגעזונדערטע זאַכן. די רעגירונג איז איבער אים. אַזוי ווי די רוסן זיינען נאָך פון די צאַרישע צייטן תמיד געווען געוואוינט צו זיין אונטערטעניק און צו קוקן אויף דער רעגירונג ווי אַ מאַכט וואָס איז איבער זיי און מען מוז איר זיין געהאָרכזאַם — איז זיי ניט שווער זיך אונטער־צוואַרפן דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור. זיי פילן זי ניט אַזוי שטאַרק ווי אַ מערב-מענטש וואָלט דאָס געפילט. זיי ווייסן ניט אַפילו מיט וואָס מען עסט אַזעלכע זאַכן ווי פרייהייט פון וואָרט, פון פאַרזאַמלונגען, פון דער פרעסע. אַזוי ווי זיי האָבן קיין מאָל ניט געוואוסט וואָס דאָס מיינט, פעלט עס זיי ניט. וויפל מען זאָל צו זיי וועגן דעם ניט ריידן, באַנעמען זיי עס ניט. זיי זעען ניט אַז מען נעמט עפּעס צו פון זיי.

קאַפּיטל דריי

אַמעריקאַנער טוריסטן און רוסן פירן דיסקוסיעס

רוסן קלייבן זיך צונויף ביי די האָטעלן פאַר טוריסטן. — זייער נייגער צו וויסן אַלץ וועגן אַמעריקע. — ווען מען דערציילט זיי דעם אמת גלייבן זיי ניט. — אַמעריקאַנער גלח ווערט באַוואָרפן מיט פראַגעס. — קאָנצערטן זיינען ניט פאַר אַרבעטער, נאָר פאַר אָנגעשטעלטע אין קאַנצעלאַריעס. — דער רוס לעבט אין אַ בלינדער וועלט.

אין לענינגראַד און שפּעטער אין קיעוו (אָבער ניט אין מאָסקווע) האָב איך באַמערקט אַ מאָדנע דערשיינונג. ביי די האָטעלן פון די טוריסטן קלייבן זיך אַרום רוסן צו רעדן מיט אַמעריקאַנער. מען שטייט אין גרופּעס און מען שמועסט. ס׳איז דערביי אינטערעסאַנט, אַז תמיד געפינט זיך עמעצער וואָס רעדט ענגליש. צי די פאַרזאַמלונגען זיינען ספּאָנטאַנע, אָדער אָרגאַניזירטע, איז פאַר מיר אַ מיסטעריע.

וועגן וואָס רעדט מען מיט די אַמעריקאַנער? די רוסן ווילן וויסן ווי מען לעבט אין אַמעריקע און צי עס וועט זיין אַ מלחמה. אַ מלחמה זיינען זיי זיכער הענגט אָפּ פון אַמעריקע.

אָט איז אַ שמועס וואָס מיר איז אויסגעקומען צו פירן אין אַזאַ גרופּע. ס׳איז געווען זונטיק, דעם 6טן אויגוסט.

— זאָגט אונדז, פרעגט מען מיך, ווי געפעלט אייך סאָוועט־רוסלאַנד?

איך ענטפער אויף דעם, אַז איך בין אָנגעקומען ערשט שבת, שפּעט ביינאַכט, און גיב צו:

— איך מיין אַז טיטאָוס אויפטו איז זייער אַ וויכטיקער, רוסלאַנד דאַרף זיין שטאָלץ מיט דעם.

— איר מיינט אַזוי? — פרעגט מען ביי מיר, — יע ענטפער איך — אָבער איך האַלט אַז אויך אַמעריקע האָט גאָר אַ סך אויפגעטאָן אויסצופאָרשן די הימלשע ספערעס. ווייסט איר, פרעג איך, אַז אַמעריקע האָט נאָך ביז איצט עטלעכע צוואַנציק סאַטעליטן וואָס דרייען זיך אַרום דער ערד, אַ סך מער ווי די רוסן.

זיי האָבן קיין מאָל ניט געהערט פון דעם.

איך זאָג ווייטער: — אייער טיטאָוו איז טאַקע געפלויגן ווייט אין די ספערעס, אָבער אַמעריקע איז שטאַרק גענוג.

דער עולם רוסן שאָקלט צו מיטן קאָפּ.

עס קומט צו אַן אַמעריקאַנער טשאַפּלין צו דער גרופּע. ער איז אָנגעטאָן אין קליידער מיט אַ האַרטן קראָגן. איך האָב פריער געהאַט אַ געלעגנהייט מיט אים צו שמועסן און זיך איבערצייגט אַז ער איז זייער אַן אינטעליגענטער מענטש און זיין פּראָפעסיע האָט ער אויסגעקליבן צוליב אידעאַליסטישע מאָטיוון. ער רעדט נאָר ענגליש. ווער איך דער איבערזעצער.

פרעגט אים איינער:

— איר זייט אַ גלח?

— יע, איך בין אַ גלח.

— האָט איר אַ קירך?

— איך בין אַ טשאַפּלין אין קאַליפאָרניער אוניווערסיטעט, דער גרעסטער אין אַמעריקע.

— ווי קענט איר זיין אַ גלח אָן אַ קירך? — פאַרשטייען זיי ניט. עס איז זיי אויך ניט קלאָר וואָס דאָס איז אַ טשאַפּלין. דערקלערט ער זיי אַז צו אים קומען סטודענטן מיט זייערע פּערזענלעכע פּראָבלעמען, מיט פּראָבלעמען פון עטיק, פון באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש און פון מענטש צו גאָט. ס'איז זיי אָבער שווער צו פאַרשטיין.

שטעלט מען אים פּלוצעם אַ פראַגע:

— פאַרוואָס אינטערעסירט אייך רוסלאַנד?

— רוסלאַנד איז אַ גרויס לאַנד, האָב איך געוואָלט זען ווי איר לעבט, זיך באַקענען מיט אייך. וואָס מער מענטשן פון פאַרשיידענע לענדער וועלן קענען איינער דעם צווייטן, אַלץ ווייניקער וועלן זיין מלחמות, ווייל פאַרוואָס זאָל איין מענטש אַרויס אין געשלעג קעגן צווייטן.

די רייד פון דעם טשאַפּלין מאַכן אַן איינדרוק, ווייל עס האָט געטראָפן אין פונקט. דער ווילן פאַר שלום איז אין רוסלאַנד גוואַלדיק שטאַרק. וועגן דעם וועלן מיר נאָך רעדן.

עמעצער שטעלט דעם טשאַפּלין די סטעראָטיפּע פראַגע וואָס די רוסן־פרעגן יעדן טוריסט:

— וויפל פאַרדינט איר אַ מאָנאַט?

ער ענטפערט זיי אַז ער פאַרדינט $100 אַ וואָך. און דערקלערט, אַז ער פאַרדינט ווייניקער ווי זיינע קאָלעגן־פּראָפעסאָרן, כאָטש ער האָט געמוזט לערנען מער יאָרן פון זיי כדי, אַחוץ זיין דאָקטאָראַט, אויך דורכצוגיין אַ טעאָלאָגישע שול.

מישט זיך אַריין איינער און זאָגט:

— איר זוכט פריינדשאַפט צווישן מענטשן, איז פאַרוואָס שווייגט איר ווען אין אַמעריקע שיסט מען נעגערס אין די גאַסן?

דער טשאַפּלין ענטפערט מיט אַ ביסל אויפרעגונג אָבער דאָך רואיק:

— דאָס איז אַ מיאוסער בילבול אויף אַמעריקע. ווער טראַכט עס אויס?

דער עולם ווערט אויפגערעגט, הייבט אָן שרייען אַז זיי לייענען וועגן דעם גאַנץ אָפט אין די רוסישע צייטונגען און עס ווערט אַ געשפּאַנטע שטימונג.

באַשליסן דער טשאַפּלין און איך אַז עס איז בעסער פאַר אונדז צו פאַרלאָזן די גרופּע און מיר גייען אַריין אין האָטעל.

***

אין די אַלע רייד פון די רוסן האָט זיך געפילט ניט נאָר אַ נייגער וועגן אַמעריקע, נאָר אויך אַ געוויסע קנאה. אמת, זיי לעבן

טאַקע אונטער קאָמוניזם, אין אַ לאַנד, ווי מען זאָגט, וואָס איז פריי פון עקספּלאָטאַציע, להיפוך די קאַפּיטאַליסטישע לענדער — אָבער זייערע אויגן נעמען ברענען ווען מען דערציילט זיי וועגן דעם ווי מענטשן, אַרבעטער בתוכם, לעבן אין אַמעריקע. און זיי מיינען תמיד אַז מיט שטעלן אונדז פראַגעס וועגן די שוואַרצע טוען זיי אונדז אַ שטאָך. און אַזוי קאָמפּענסירן זיי זייער קנאה־געפיל. ווי נאָר איר נעמט רעדן מיט אַ רוס, קומט באַלד אויף די פראַגע. און וואָס מיר זאָלן זיי ניט זאָגן, איז פאַר זיי אומגלייבלעך און ניי, דער עיקר ניט פאַרשטענדלעך. איך נעם דערציילן וועגן דעם באַשלוס פון סופרים־קאָורט קעגן סעגרעגאַציע — ווייסן זיי גאָרניט וועגן דעם. זיי ווילן איך אָבער דערציילן אַז אין „ליטל־ראַק" האָט מען געשאָסן אויף נעגערשע קינדער און זיי זיינען זיכער אין דעם. זאָג איך אַז עס איז ניט אמת, דערצייל איך זיי ווי די פעדע־ראַלע רעגירונג האָט געשיקט סאָלדאַטן אין „ליטל־ראַק" און טוט אַלץ צו באַשיצן די רעכט פון די שוואַרצע אין דרום. לייגט זיך זיי דאָס ניט אויפן שכל. זיי פאַרשטייען ניט ווי אַזוי אַ צענטראַלע מאַכט קען ניט אַרויפצווינגען איר ווילן אויף ווער עמען דאָס זאָל ניט זיין.

***

איך בין ווידער אַרוים אויף דער גאַס און צוגעקומען צו אַן אַנדער גרופּע.

חברה האָט מיך שוין געקענט און עמעצער גיט מיר אַ פרעג:

— זאָגט אָקערשט, זייט איר ניט אַ פּליט פון דער רעוואָלוציע?

ענטפער איך כדי זיי צו פאַרפירן:

— איך בין אַוועק פון רוסלאַנד אין 1912.

— פון וועלכן טייל פון רוסלאַנד שטאַמט איר? — פרעגט מען מיך ווייטער.

— פון לאַטוויע, ענטפער איך.

— זייט איר אַ קאַפּיטאַליסט?

— ניין, ענטפער איך — איך בין אַן אָנגעשטעלטער.

אָבער זיי לאָזן ניט אָפּ:

— וואָס טוט איר אַ גאַנצן טאָג? איר שלאָפט?

— ניין, פון 7 אין דער פרי בין איך שוין אין גאַס.

— ניין, מיר מיינען אין אַמעריקע.

— דאָרטן אַרבעט איך. איך האָב אייך דאָך שוין געזאָגט, איך בין אַן אַנגעשטעלטער.

— וואו האָט איר גענומען געלט צו מאַכן די רייזע? — פרעגט מען מיך ווידער.

— איך האָב אָפּגעשפּאָרט פון מיינע פאַרדינסטן. מיין פרוי אַרבעט אויך.

איך קוק מיר אַרום און זע פאַר זיך אַ שיינעם בנין, פרעג איך דעם חברה־מאַן וואָס איז ביי זיך זיכער אַז איך בין אַ קאַפּיטאַליסט:

— זאָג מיר נאָר חבר, וואָס פאַר אַ בנין איז דאָס?

— דאָס איז די לענינגראַדער פילהאַרמאָניקע, דאָרטן קומען אָפּט פאָר קאָנצערטן. (איך האָב דאָס פריער געוואוסט)

— גייט איר אָפּט צו די קאָנצערטן? — פרעג איך מיין אַנטאַ־גאָניסט.

— ניין, איך גיי ניט, — ענטפערט ער.

— פאַרוואָס?

— ווייל איך מוז אַרבעטן.

— איז ווער זשע גייט? — פרעג איך.

— אַ די לייזדיקגייערס — ענטפערט ער.

— ווער זיינען זיי? — פרעג איך.

— אָט די וואָס אַרבעטן אין די קאַנצעלאַריעס און די סטו־דענטן, איז דער ענטפער.

***

דערווייל באַמערק איך אַז אין אַן אַנדער גרופּע רינגלט מען אַרום אַן אַמעריקאַנער. דער אַמעריקאַנער רעדט רוסיש און עס קומט פאָר אַ היציקע דעבאַטע.

איך גיי צו און הער ווי איינער רעדט:

— אַמעריקע איז אַן אימפּעריאַליסטיש לאַנד, איר רעגירונג וויל אָנצינדן אַ נייע מלחמה.

— מיר זיינען דאָך געווען אייערע פריינד און זיינען דאָס אויך איצט — ענטפערט דער אַמעריקאַנער אין אַ גוטן רוסיש. —

מיר האָבן געקעמפפט מיט אייך קעגן היטלערן. — מיר האָבן דאָך אייך געראַטעוועט — רעדט ווייטער דער אַמעריקאַנער. — מיר האָבן דאָך אייך געשיקט מלחמה־מאַטעריאַלן אויף דעם ווערט פון 9 ביליאָן דאָלאַר, אַניט וואָלט איר דאָך אומגעקומען.

— איז דאָס טאַקע אַזוי געווען? — הערן זיך געשרייען פון אַלע זייטן.

— אַוודאי — זאָג איך.

— אויב עס איז אַפילו אמת — רופט מען אוים — האָבן מיר געגעבן אונדזער בלוט. איר, אייערע זין, זייט געזעסן רואיק אין אייערע היימען.

און מען הערט אַזעלכע אויסרופן:

— מיר זיינען געווען די וואָס האָבן זיך געשלאָגן קעגן די היטלעריסטן.

— קעגן די יאַפּאַנישע פאַשיסטן.

— וואָס שטעלט איר זיך איין פאַר די דייטשישע פאַשיסטן?

— ווייסט איר אַז זיי זיינען געווען ביי די טויערן פון לענינגראַד?

— ווייסט איר אַז מיר האָבן דאָ געשמאַכט פון הונגער, אַז מענטשן זיינען אין מיטן גאַס אויסגעגאַנגען פון הונגער?

— עס איז אַפילו ניט געווען ווער עס זאָל צונעמען די טויטע קערפּערס.

וויפל מיר, די אַמעריקאַנער, פּרואוון זיי ניט דערציילן אַז עס זיינען אין דער מלחמה געפאַלן מיליאָנען אַמעריקאַנער, אַז די מלחמה קעגן יאַפּאַן האָבן אייגנטלעך מיר אַליין געפירט — זיי בלייבן ביי זייער אומגלויבן און ביי זייער טענה, אַז אין קאַמף קעגן היטלעריזם איז פאַרגאָסן געוואָרן דער עיקר רוסיש בלוט.

און עס הערן זיך פון אַלע זייטן טענות צו אונדז:

— איר זייט אימפּעריאַליסטן, איר אונטערדריקט פרעמדע פעלקער.

און ווען מיר נעמען פרעגן וועלכע קאָלאָניעס אַמעריקע האָט, וועלכע פעלקער אַמעריקע אונטערדריקט, ענטפערט מען:

— קאָנגאָ איז אייער קאָלאָניע, איר האָט זי פאַרכאַפּט פאַר זיך.

— איר האָט אייערע באַזעס און מיליטער אין איראַן, גריכנ־לאַנד, טערקיי און נאָך לענדער. איר האַלט דאָרטן אייערע אַרמייען כדי די פעלקער זאָלן ניט קענען זיך באַפרייען פון זייערע הערשערס וואָס אונטערדריקן דאָס פאָלק אין די אינטערעסן פון אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם.

— מיט אייער הילף לעבן אין פאַרשקלאַפונג די פעלקער פון לאַטיין־אַמעריקע.

מיר פרואוון צוריקווייזן די באַשולדיקונגען.

מיר ברענגען אַלס ראיה אויך דעם פאַקט וואָס צוזאַמען מיט רוסלאַנד האָבן מיר אין 1956 זיך געשטעלט קעגן דעם אָנגריף פון ענגלאַנד און פראַנקרייך אויף דעם סועץ־קאַנאַל.

זיי גלאָצן מיט די אויגן: זיי ווייסן ניט וועגן דעם. מיר פרעגן:

— פאַרוואָס האָט רוסלאַנד פאַרכאַפּט רומעניע, בולגאַריע, פוילן און נאָך לענדער? פאַרוואָס האַלט רוסלאַנד דאָרט אַרמייען?״

ענטפערט מען אונדז:

די אַלע פעלקער האָבן דורך אַ רעוואָלוציע זיך באַפרייט פון קאַפּיטאַליסטישן יאָך. די סאָוועטישע מאַכט האַלט דאָרטן סאָלדאַטן כדי די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע כוחות זאָלן מיט דער הילף פון אַמעריקע ניט קענען ווידער אויפהייבן זייער קאָפּ. עס איז די פליכט פון איין סאָציאַליסטיש לאַנד צו העלפן אַ צווייטער, צו העלפן אַ ברודער.

אַזוי האַלט אָן דער אַרגומענט אָן אַ סוף. ס׳איז קלאָר אַז זיי האַלטן זיך פאַר די גערעכטע און אונדז פאַר די אומגערעכטע. באַשלים איך בעסער זיך דורכגיין איבער די גאַסן.

ווען איך האָב זיך אומגעקערט מיט אַ שעה שפּעטער, האָב איך געזען ווי דער אַמעריקאַנער מיט זיך אַריינגיין אין האָטעל און די רוסן לאָזן אים נישט אָפּ. ער עפנט אויף גיך די טיר און רייסט זיך ממש אַריין אין האָטעל.

ווען איך האָב אים געפרעגט וואָס עס איז פאָרגעקומען אין מיין אָפּוועזנהייט, האָט ער מיר געענטפערט:

— די רוסן לעבן אין אַ בלינדער וועלט.

קאַפּיטל פיר

די סאָוועטישע באַפעלקערונג לעבט אין אַ וועלט פון ליגנס

דורות ווערן דערצויגן אויף ליגנס און פאַלשקייט. — וואָס די סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע דערציילט דעם פאָלק וועגן רוסלאַנד און אַמעריקע. — די נייע אַפּאַרטמענט־הייזער.

אמת, טראַכט איך ביי זיך, זייער וועלט איז אַ בלינדע, אָבער די בלינדקייט נעמט זיך פון דעם, וואָס אויף ליגנס, אומוויסנקייט וועגן דער וועלט און פאַלשקייט וועגן אייגענעם לאַנד, אייגענער געשיכטע, האָדעווען זיך דורות רוסן. אין דעם שטעקט אין אַ גרויסער מאָס דער כוח פון דיקטאַטאָרישן רעזשים. אפשר אַמאָל מער ווי אין דער פּאָליציי און טורמע. דער שקר האַלט געפאַנגען דעם רוס ניט ווייניקער ווי די מורא. די אַלע בבא מעשיות, וואָס פּשוטע רוסן האָבן אונדז — די אַמעריקאַנער — דערציילט, זיינען געווען אויפריכטיקע און ערלעכע רייד, ווייל זיי האָבן זיך גענומען פון אומוויסנהייט, ווייל דער רוס לעבט אין אַ פאַלשער וועלט. אַדאַנק דעם שקר, וואָס האָט זיך צעלייגט איבער גאַנץ רוסלאַנד, טראַכטן אַלע גלייך, אין גלייכע טערמינען. אין אַ גרויסער מאָס גייט מען אַדאַנק אים אין שפּאַן און מען טראָגט אונטערטעניק דעם יאָך פון לעבן. דאָס איז דער איינדרוק וואָס איר קריגט, ווען איר זייט אין רוסלאַנד, ווען איר רעדט מיט מענטשן, איר הערט זיך צו צו דער ראַדיאָ און טעלעוויזיע און לייענט די

פרעסע. אויף רוסלאַנד איז חל דער פסוק: כל היוצא מפיו שקר — אַלץ וואָס גייט אַרויס פון זיין מויל איז ליגן.

קודם דער שקר, אַז ביז די סאָוועטן איז אין רוסלאַנד ניט געווען אַפילו קיין אָנהייב פון אינדוסטריע. ס׳איז אמת אַז רוס־לאַנד האָט ניט דורכגעמאַכט די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע פון מערב־אייראָפּע, אָבער איר אינדוסטריעלער פּראָגרעס איז אין דער לעצטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט געווען אַ גאַנץ באַ־דייטנדיקער. „אין די צוואַנציק יאָר, צווישן 1877 און 1897, האָט זיך פאַרטאָפּלט די פּראָדוקציע פון טעקסטיל און פאַרדרייפאַכט די פּראָדוקציע פון מעטאַלן”. ביים אָנהייב פון איצטיקן יאָר־הונדערט איז רוסלאַנד געווען דער צווייטער גרעסטער אויל־פּראָדוצירער און דער צווייטער גרעסטער באַוול־פּראָדוצירער אין דער וועלט.

זעכציק פּראָצענט פון די אייזנבאַנען האָבן באַלאַנגט צו דער מלוכה. צו דער מלוכה האָט אויך באַלאַנגט די פּאָסט און דער טעלעגראַף. אין זיין בוך: „דריי וואָס האָבן געמאַכט אַ רעוואָלוציע”, ווייזט אָן דער באַקאַנטער קענער פון רוסלאַנד בערטראַם וואָלפע: „נאָך לאַנג איידער מען האָט געחלומט וועגן מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם, איז דער רוסישער שטאַט געווען דער גרעסטער לאַנד־אייגנטימער. ער האָט אָנגעשטעלט די גרעסטע צאָל אַרבעטער, ער איז געווען דער גרעסטער אייגנטימער פון קאַפּיטאַלן אין רוסלאַנד, אָדער אין דער וועלט: „וואָס די באָל־שעוויקעס האָבן באמת איבערגענומען אין 1917, איידער זיי האָבן אַליין נאַציאָנאַליזירט אַ וועלכע ניט איז אינדוסטריע, איז געווען די גרעסטע עקאָנאָמישע מאַשין פון יענער צייט אין דער גאַרער וועלט”.

אמת, די רוסישע פּראָדוקציע האָט אונטערן צאַר אויסגעמאַכט ניט מער ווי 2.6% פון דער וועלט־פּראָדוקציע און דער רוסישער אַרבעטער ניט מער ווי 3% פון דער באַפעלקערונג. די דאָזיקע פאַקטן ווייזן אָבער אַז ס׳איז ניט אמת די באָלשעוויסטישע טענה, אַז זיי זיינען אין רוסלאַנד געווען די אָנהייבערס אויפן געביט פון

אינדוסטריע. אויף די 3% אַרבעטער האָבן זיך דאָך געשטיצט די רוסישע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען אין זייער קאַמף פאַרן סאָציאַליזם.

ווי איינער וואָס האָט זיך דערצויגן אין רוסלאַנד און דאָרטן געלעבט ווי אַ רעכטלאָזער ייד, קען איך אָבער זאָגן נאָך דעם איצטיקן באַזוך — און איך זאָג דאָס מיט מיין גאַנצער אויפ־ריכטיקייט און ערלעכקייט — אַז אונטער דעם צאַר האָט דער רוס פאַרמאָגט מער פערזענלעכע פרייהייט ווי היינט־צו־טאָג אַ סאָוועטישער בירגער און אוודאי דער ייד (וועגן דעם יידן אין איצטיקן רוסלאַנד אַ ביסל שפּעטער).

דער פאַקט איז אַז אונטער דעם צאַר איז מעגלעך געווען אַן אָפּאָזיציע און אַפילו אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג — זאָל זיין אַן אונטערערדישע. אין סאָוועט־רוסלאַנד זיינען ביידע זאַכן ניט מעגלעך. דער צאַר האָט אויך ניט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל גרויזאַמ־קייט צו פּאָליטישע קעגנערס, ווי דער סאָוועטישער רעזשים ווייזט אַרויס אין משך פון אַלע יאָרן פון זיין עקסיסטענץ.

***

דער צווייטער גרויסער ליגן, וואָס אויף אים האַלט זיך די סאָוועטישע סיסטעם, איז וואָס מען דערציילט ניט דעם רוס אַז אַלע מערב־לענדער האָבן במשך די לעצטע 43 יאָר — באַזונדער נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה — אַ גרויסן שפּאַן געטאָן אויפן וועג פון אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג. מיר זיינען געפאָרן איבער מערב־אייראָפּע און געזען אין די לענדער אַ גרויסע פּראָספּעריטי. מיר רעדן שוין ניט וועגן ישראל, וואו מיר זיינען אויך געווען. דאָרטן, אין פאַרגלייך צו דער באַפעלקערונג און די מעגלעכקייטן פון לאַנד, גייט די מדינה מיט ריזיקע שריט פאָרויס. מיר האָבן ניט דערקענט, למשל, פראַנקרייך, אין פאַרגלייך מיט דעם יאָר 1956, ווען מיר זיינען דאָרט געווען דאָס לעצטע מאָל. אומעטום קומט פאָר אַ געוואַלדיקע בוי־אַרבעט, אָבער דעם רוס דערציילט מען אַז נאָר זיין לאַנד גייט אויפן וועג פון עקאָנאָמישן פאָרשריט, און אַז נאָר זיין לאַנד בויט זיך.

עס קען קיין צווייפל ניט זיין אַז אונטער אַ דעמאָקראַטישן רעזשים וואָלט אויך רוסלאַנד, ווי אַלע פאָרגעשריטענע דעמאָקראַטישע לענדער, זיך גוואַלדיק אַנטוויקלט אינדוסטריעל. עס וואָלטן דערביי אויסגעמיטן געוואָרן די מיליאָנען קרבנות און דער רוסישער באַפעלקערונג וואָלט זיך געלעבט אַ סך בעסער און גרינגער ווי איצט. רוסלאַנד וואָלט זיך אַנטוויקלט, ווייל אַנדערש וואָלט זי ניט געקענט עקסיסטירן ווי אַ גרויסע מלוכה, און אַזאַ איז רוסלאַנד תמיד געווען.

בכלל זיינען די סאָוועטישע ביוראָקראַטן גרויסע מאַדימס אויף צו מאַניפולירן מיט ציפערן און צו דערציילן מעשיות.

אָט הער איך אין מאָסקווע ווי איינער באַרימט זיך אויף דער ראַדיאָ אַז רוסלאַנד האָט אויסגעלייגט וועגן אין הימל. און ער דערציילט דערביי אַ מעשה וואָס זאָל האָבן כלומרשט געטראָפן. איין שיינעם טאָג איז אין מאָסקווער גרויסן טעאַטער אָנגעקומען אַן אויסערגעוויינטלעכע טעלעגראַמע פון קאַמטשאַטקע. דער קאַמטשאַטקער פישער, י. י. מאַליאַקין, אַ מיטגליד פון העכסטן סאָוועט, האָט געבעטן מען זאָל פאַר אים רעזערווירן אויף דעם זעלביקן אָוונט אַ בילעט אין גרויסן טעאַטער. פון קאַמטשאַטקע ביז מאָסקווע, דערציילט מען אונדז, איז אַכט טויזנט קילאָמעטער. און וואונדער איבער וואונדער: דער חבר מאַליאַקין איז אַרויסגעפלויגן פון פעטראָפּאַוולאָווסק, אויף קאַמטשאַטקע, 20 מינוט נאָך צוויי בייטאָג און איז אָנגעקומען אין מאָסקווע 29 מינוט נאָך ניין אין אָוונט, כדי אין צייט צו זיין אויף טשייקאָווסקים אָפּערע. באמת אַ גרויסער וואונדער פון אונדזער צייט. אין דער אמתן, ווילן מיר זאָגן, זיינען דאָס געווען צוויי גרויסע וואונדיירים. דער ערשטער: וואו האָט אין סאָוועט־רוסלאַנד זיך גענומען אַזאַ גרויסער קאַפּיטאַליסט אויף צו מאַכן אַזאַ לוקסוס־רייזע כדי צו זען אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג? דער צווייטער וואונדער: נאָר אַדאַנק דער סאָוועטישער טעכניק קען מען זיך דערלויבן, ווען מען האָט שוין דאָס געלט, אַזאַ פאַרגעניגן. פלאי פלאים! נאָר סאָוועטישע ענערגיע און דערפינדערישקייט האָט געקענט אויסלייגן וועגן אין הימל, כדי מענטשן זאָלן

אויף גיך, אין דער קירצסטער צייט, דורכמאַכן גרויסע שטרעקעס. אָט האָט איר נאָך אַ באַרימעריי וואָס איז אין פּלוג אמת, אָבער ניט קיין גאַנצער אמת (די צווייטע העלפט פון דער מעשה דערציילט מען בכיוון ניט). אין רוסלאַנד, לייענען מיר אין זייערע צייטונגען, קאָסט דירה-געלט ניט מער ווי פינף-זעקס פּראָצענט פון חודשדיקן פאַרדינסט; אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער — צווישן צוואַנציק-דרייסיק פּראָצענט (אַ ביסל איבערטריבן). אמת. מען דערציילט אָבער ניט אַז דער בירגער פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער וואוינט אין עטלעכע צימערן, אין דער צייט ווען אין רוסלאַנד קומט אויס צו וואוינען אַ משפּחה פון פיר מענטשן אין איין קליינעם צימער. צו דעם איז די קיך אַ קאָמונאַלע און מען פאַרמאָגט ניט קיין אייגענעם טאָילעט אָדער וואַשצימער. מיר איז אויסגעקומען צו זיין אין עטלעכע דירות, האָבן מיר געזען אין יעדער צימער וואוינט אַ גאַנצע משפּחה. אויף דער טיר ביים אַריינגאַנג איז אָנגעשריבן וויפל מאָל און ווי שטאַרק מען דאַרף קלינגען צו יעדן שכן אין דער וואוינונג.

***

אין די רוסישע שטעט האָט מען די לעצטע יאָרן אויפגעבויט גאַנצע גאַסן מיט נייע אַפּאַרטמענט-הייזער. די הייזער זיינען פון אַ מין געלבלעכן מיאוסן קאָליר און קריגן אַן אַלט אויסזען גלייך ווי מען בויט זיי אויף. פאַלט אַראָפּ דער פּלאַסטער, צעברעכט זיך אַ שויב אָדער טיר — בלייבט עס שוין אַזוי.

און דאָך זיינען די נייע הייזער ניט מער ווי אַ טראָפּן אין ים. קיינער חלומט ניט צו האָבן אַ צימער פאַר זיך אַליין. איך האָב באַזוכט איינעם וואָס וואוינט שוין אין אַ נייער דירה. ער האָט די דירה ערשט ניט לאַנג געקראָגן אין זכות פון דעם וואָס זיין זון איז געפאַלן אין דער מלחמה. ער האָט מיר דערציילט אַז עס האָט אים געקאָסט אַ סך געזונט און צייט אַרומלויפנדיק פון איין קאַנצעלאַריע אין דער צווייטער. אָבער דאָך וואוינט ער מיט זיין פרוי, אַ טאָכטער פון 20 יאָר און אַ זון פון 15 יאָר — אַלע (געדענקט פיר מענטשן) אין איין קליינעם צימער. דאָס איז די גאַנצע דירה

וואָס ער האָט געקראָגן אין זכות פון זיין זון וואָס איז געפאַלן פאַר רוסלאַנד. יאָ, זיי האָבן אַ קיך פאַר דריי משפחות. עס איז אויך פאַראַן אַן אינסינירייטאָר פאַר די זעלביקע דריי משפחות, אַ טאָילעט, און... אַ וואַשמיצער. מען דאַרף ניט גיין דורך לאַנגע, פינצטערע קאָרידאָרן אַזוי ווי אין די אַלטע הייזער, און עס איז אויך דאָ אַן עלעוויטאָר. איר טאָרט אָבער דעם עלעוויטאָר ניט אַרויפהייבן אויף אַראָפּצופאָרן, סיידן עס קומט עמעצער אָן אויף אייער עטאַזש. אויך אין די נייע דירות איז ביינאַכט פינצטער אין די קאָרידאָרן — מען זשאַלעוועט עלעקטריק. אַי, אַ מענטש קען ברעכן האַלדז און נאַקן, איז דאָס ניט אַזוי וויכטיק.

דער פריינד מיינער איז געווען שטאָלץ און גליקלעך מיט דער נייער דירה. אַז איך האָב אים דערציילט אַז איך מיט מיין פרוי וואוינען אין אַמעריקע אין אַ דירה פון פיר צימערן מיט אַ באַלקאָן, האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט גרויסע אויגן און געפרעגט צו וואָס איך דאַרף אַזוי פיל צימערן.

אין צענטער פון מאָסקווע האָט מען אויפגעשטעלט הויכע 20- און 30-שטאָקיקע אַפּאַרטמענט-הייזער. האָבן זיי דאָס אויסזען פון אַ חתונה-קוכן, אונטן ברייט, און וואָס העכער ווערט אַלץ שמעלער. דער אייבערשטער טייל פון בנין איז ביינאַכט שטאַרק באַלויכטן מיט רויטע ליכט און ברענענדיקע רויטע שטערן. עס זעט אויס אַז דאָרטן זיינען די דירות בעסערע. עס איז אָבער אַ סוד ווער עס וואוינט אין די דירות. אויף אַלע מיינע אָנפראַגעס וועגן דעם, האָב איך קיין מאָל ניט געקראָגן קיין באַשטימטן ענטפער: אַרבעטער, איז געווען דער ענטפער. אָבער לויט מיין פירערין איז דאָך יעדער רוס, וואָס וואוינט אין שטאָט, אַן אַרבעטער. אַלע זיינען אַרבעטער.

***

דער גרעסטער ליגן אָבער, אַ ליגן וואָס מען האַלט שטענדיק אין איין האַמערן איז אַז אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער לעבט זיך דעם אַרבעטער אַ סך ערגער ווי אין רוסלאַנד, אַז סאָוועט-רוסלאַנד איז דאָס לאַנד פון דעם אַרבעטער. אין אַמעריקע

ווערט דאָס לאַנד רעגירט פון „ביג־ביזנעס״, און דער אַרבעטער לעבט אין נויט. ער האָט אַפילו ניט קיין סאָציאַלע פאַרזיכערונג אויף דער עלטער. ווען איך האָב דערציילט אַז אין אַמעריקע איז איינגעפירט אַרבעטסלאָזע פאַרזיכערונג און דער אַרבעטסלאָזער קריגט אויסגעצאָלט אַ געוויסע סומע, וואָס איז אָפט גרעסער פון דעם פאַרדינסט פון אַ רוסישן אַרבעטער, האָט מען אויף מיר געקוקט ווי אויף אַ ליגנער. מען האָט מיר אויך ניט געגלייבט אַז אַלע קינדער אין אַמעריקע, רייך אָדער אָרעם, האָבן אַ מעגלעכקייט צו קריגן אַ העכערע בילדונג.

מען איז פשוט נשתומם געוואָרן ווען איך האָב דערציילט אַז אַזאַ צייטונג ווי למשל די „ניו־יאָרק טיימס״, דרוקט איבער בוכ־שטעבלעך אַלע כרושטשאָווס רעדעס און אַז זי האָט אַפילו איבער־געדרוקט וואָרט ביי וואָרט די נייע פּראָגראַם פון דער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי, וואָס מען קלייבט זיך ערשט ברענגען צו דעם 22סטן קאָנגרעס פון דער פּאַרטיי אין אָקטאָבער.

צוליב וואָס זאָל דער רוסישער אַרבעטער זיין קעגן רעזשים? פאַלט דער רעזשים, וועט דאָך אים ווערן ערגער, וועט ער דאָך חלילה אַריינפאַלן אין דער לאַגע פון אַמעריקאַנער אַרבעטער. קען מען דאָך שטעלן די פראַגע: איז פאַרוואָס פאַרשפּרעכט די רעגירונג דעם רוס אַז מיט דער צייט וועט ער דערגרייכן דעם זעלביקן לעבנס־סטאַנדאַרד, אויב ניט קיין העכערן, ווי דער אַמעריקאַנער? איז דער ענטפער: זוכט ניט קיין לאָגיק און אויסגעהאַלטנקייט ביי אַ ליגן. ווי זאָגן די טאָטאַליטאַרן: וואָס גרעסער דער ליגן, אַלץ גיכער וועט ער זיך צוקלעפּן.

אַזוי איז דער רוסישער אַרבעטער איינגעגלייבט אַז אים לעבט זיך בעסער ווי דעם אַרבעטער אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. און אויב אַזוי, פאַרוואָס זאָל ער טאַקע זיין קעגן סאָוועטישן רע־זשים? אָט איז מיר אויסגעקומען צו הערן אַזאַ מיר שטיקל פּראָ־פּאַגאַנדע:

— „ערשט מיט דעם זיג פון סאָציאַליזם איז די אַרבעט, אַנ־שטאָט אַ שווערער יאָך ווי זי איז געווען און איז אין די לענדער פון

עקספּלאָטאַציע, געוואָרן פריי. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע האָבן די האָרעפּאַשניקעס אויסגעקעמפט דאָס גרויסע רעכט צו אַרבעטן פאַר זיך אַליין, פאַר זייער אייגענער געזעלשאַפט".

אַזוי רעדט מען צו די וואָס זיינען שקלאַפן אין דער קאָמונים־טישער מאַשין וואָס קענען ניט אין דעם אייגענעם לאַנד זיך פריי באַוועגן פון איין שטאָט אין דער צווייטער און אויסקלייבן די אַרבעט וואָס זיי איז ליב. און ווען מען זאָגט זיי אַז דווקא אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז דער מענטש פריי אַרומצופאָרן וואו זיין האַרץ גלוסט און אָנצונעמען וועלכע אַרבעט ער וויל — פּאָטו־פּעט עס זיך ניט אין זייערע קעפּ.

קאַפּיטל פינף

ניטאָ קיין יום־טוב אין סאָוועטישן לעבן

אַלץ איז גרוי און וואָכעדיק. — אַ באַזוך ביי צוויי חתונות אין אַ „חתונה־פּאַלאַץ". — די גאַנצע שמחה דויערט 15 מינוט. — די שיינע געביידעס — אַ סימבאָל פאַר דעם סאָוועטישן מענטשן פון דעם ווי זיין לעבן וועט אויסזען אין דער צוקונפט. — אויב ניט פאַר אים, איז פאַר זיינע אייניקלעך. ווער וויל שלום אויף דער וועלט?

דער רוסישער מענטש טראָגט אויף זיך אַ שווערע משא כדי אויסצוהאַלטן דאָס, וואָס אָפיציעל ווערט באַצייכנט „די נייע געזעלשאַפט", און ער מוז אומברחמנותדיק שווער אַרבעטן כדי צו לעבן אויף דער וועלט. זיין לעבן פאַרמאָגט ווייניק פרייד. מענטשן קענען זיך אַפילו ניט צונויפקומען כדי פשוט צו פאַרברענגען ווי מען טוט דאָס אין אַנדערע לענדער. איך ווייס ניט ווי עס איז אין די קלענערע שטעט, אָבער זיכער ניט אין די גרויסע שטעט. מען וואוינט דאָך עטלעכע מענטשן אין איין צימער. די גאַס איז דאָס אָרט צו פאַרברענגען. יעדע פאַרוויילונג מוז האָבן אויף זיך דעם שטעמפּל פון דער מלוכה. ס'איז ניטאָ קיין פריוואַט לעבן.

אַ חתונה איז איינע פון די וויכטיקסטע מאָמענטן אין מענטשנס לעבן. האָט מען פון דעם געמאַכט אַ וואָכעדיקע געשעניש: מען איז געגאַנגען אין געריכט און זיך פאַרשריבן. האָט עס טאַקע געהאַט אַ וואָכעדיקן טעם. די רעגירונג האָט סוף־כל־סוף געמוזט אויף וועלכן ניט איז אופן אַנטקעגן קומען דער בענקעניש נאָך אַ ביסל שיינקייט, נאָך ראָמאַנטיק. חתונה האָבן

אין קירך אָדער אין שול, להבדיל, איז דאָך קאָנטער־רעוואָלוציע. דאָס וואָלט אונטערגעגראָבן איינעם פון די יסודות פון רעזשים. איז מען געפאַלן אויף אַ פּלאַן. אין יעדער שטאָט האָט מען איינגעפירט אַ מין „חתונה־פּאַלאַץ״. מיר האָבן בייגעוואוינט אַ חתונה אין אַזאַ פּאַלאַץ אין דער שטאָט קיעוו. וויפל יום־טובדיקייט עס איז געווען אַפילו אין אַזאַ חתונה קענט איר זיך פאָרשטעלן פון דעם וואָס יעדע חתונה האָט אָנגעהאַלטן ניט מער ווי אַ 15 מינוט. מיר האָבן זיך צוגעקוקט צו צוויי אַזעלכע חתונות. מיט חתן־כלה זיינען געווען אַן ערך צען פאַרלעך געסט. מיר האָבן ניט געזען די עלטערן פון חתן־כלה צווישן די געסט. אַלע געסט זיינען געווען אַן ערך אין דעם זעלבן עלטער ווי חתן־כלה. יעדער גאַסט האָט געטראָגן בלומען. אַלע זיינען געווען אָנגעטאָן פּשוט און אָרעם. דער חתן האָט אַפילו ניט געטראָגן קיין שניפּס און אַן אַ ראָק, און די כלה איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייס קלייד פון ביליקן שטאָף, פון אַ שטאָף פון וועלכן מען מאַכט אין אַמעריקע געווינטלעך אַ הויז־קלייד. פריער האָבן חתן־כלה, צוזאַמען מיט די געסט, אַריינמאַרשירט אין אַ צימער, וואו ביי אַ לאַנגן טיש זיינען געזעסן צוויי פרויען, איינע אַ ריכטער, די צווייטע אַ מיטגליד פון אָרטיקן סאָוועט. די ריכטערין האָט געהאַלטן אַ שאַבלאָנע רעדע וועגן דעם אַז מאַן און ווייב דאַרפן זיין געטריי איינער דעם צווייטן און ברענגען קינדער וואָס זאָלן אַרבעטן פאַר דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, פאַר דעם גליק פון דעם סאָוועטן־לאַנד. דערנאָך זיינען חתן־כלה צוגעגאַנגען צום לאַנגן טיש און אונטערגעשריבן אַ חתונה־קאָנטראַקט. די פאַרטרעטערין פון סאָוועט האָט צוגעטראָגן דעם חתן אויף אַ טעצל דעם חתונה־רינג. ער האָט עס אַרויפגעטאָן אויף דער כלהס פינגער, זיך צעקושט מיט איר און יעדער גאַסט איז צוגעגאַנגען אַ קוש טאָן חתן־כלה. אַלע זיינען שפּעטער אַריין אין אַ צווייט צימער און דאָרט האָט אַ פאָטאָגראַפער גענומען אַ בילד פון חתן־כלה צוזאַמען מיט אַלע געסט. אַזוי האָט זיך געענדיקט די חתונה־צערעמאָניע. אָן פרייעלעכקייט, אָן יום־טובדיקייט. עס איז ניט געווען קיין סימן פון אַ

משפחה־ און פריינד־צוזאַמענקונפט ווי עס פירט זיך ביי אַלע פעלקער פון די עלטסטע צייטן אָן.

***

אַלץ מוז אין רוסלאַנד האָבן אַ ציל. קיין זאַך קען ניט געטאָן ווערן פשוט צוליב פֿריילעכקייט אַליין. פאַר דעם שווערן לעבן אין רוסלאַנד ווערט געגעבן אַ מאָראַלע באַרעכטיקונג. אַמעריקע, זאָגט די פּראָפּאַגאַנדע, לעבט רייך, ווייל דאָס רייכטום קומט פון אַ ניט־מאָראַלער, ניט־מענטשלעכער עקספּלאָטאַציע. דאָס איז קעגן דער מאָראַל פון דעם נייעם סאָציאַליסטישן מענטשן. פון דעם סאָוועטישן מענטשן. דעריבער איז ניטאָ וואָס מקנא צו זיין דעם אַמעריקאַנער.

„עס זיינען פאַראַן זאַכן וואָס לאָזן זיך ניט איבערגעבן דורך ציפֿערן, דורך סטאַטיסטיק”, אַזוי ווערט געזאָגט אין דעם בוך: „סאָוועט רוסלאַנד, היינט און מאָרגן”, אַרויסגעגעבן אין מאָסקווע אין דעם יאָר 1961. „איינע פֿון די זאַכן — ווערט דאָרט געזאָגט — איז די נייע מאָראַל. עס קומט אויף אַ נייע וועלט און מיט איר אַ נייער מענטש”. דער נייער מענטש איז „אַ מענטש פֿון גרויסע ליידנשאַפטן, וואָס זיינען געווענדט צו אַן אידעאַלן ציל, אַ מענטש וואָס איז גרייט אויף גרויסע מעשים צוליב דער אַרבעט, דער ווייסנשאַפט און ברידערלעכקייט”.

אָט דעם אידעאַלן ציל — די אוטאָפּיע, דעם חלום וועגן אַ גליקלעך לעבן, אַמאָל, אַמאָל — האַלט מען שטענדיק פאַר די אויגן פֿון דעם רוסישן מענטשן. און מען זוכט אים צו ווייזן אַז אייגנטלעך איז די אוטאָפּיע גאָרניט אַזוי ווייט, מען לאָזט אים אַפילו אַריינקוקן אין דער אוטאָפּיע.

אין מיטן דער אָרעמקייט און גרויקייט האָט מען אויפֿגעבויט אין מאָסקווע און טיילווייז אויך אין לענינגראַד סאָבוועים, ווי זיי רופן עס — מעטראָס, וואָס האָבן אָפּגעקאָסט מיליאָנען און מיליאָנען. יעדע סאָבוועי־סטאַנציע איז אַ פּאַלאַץ פון דער פיינס־טער אַרכיטעקטור, איז געווידמעט אַ געוויסן שרייבער אָדער רוסישן העלד און איז באַצירט מיט געמעלן און סקולפּטאָרן פֿון

די פיינסטע קינסטלערס. די ווענט זיינען אומעטום פון טייערן מאַרמאָר. אַזאַ סאָבווײַ וואָלט זיך געקענט דערלויבן נאָר אַ לאַנד, וואו אירע בירגערס לעבן אין לוקסוס. איז צוליב וואָס די אויס־ברענגערײַ? גאַנץ פשוט, מיט דער סאָבווײַ, און מיט די רייכע כלומרשטע הימל־קראַצערס און די נייע לוקסוריעזע האָטעלן, וויל מען ווייזן דער באַפעלקערונג: זעט, אַט אַזוי שיין און רייך וועט אַמאָל אויסזען דאָס גאַנצע לעבן אין רוסלאַנד. אַרבעט נאָר שווער, האָרעוועט ביז די לעצטע כוחות, וועט מען דאָס דערגרייכן. אויב ניט אין אייער צייט, אָדער אין דער צייט פון אייערע קינדער, איז דאָך זיכער פון אייערע קינדס־קינדער.

אַט די שיינע בנינים און די ברייטע בולוואַרן, וואָס מאָסקווע איז מיט זיי אַזוי רייך, האָבן נאָך אַ ציל: צו הייבן ביי דעם רום דעם שטאָלץ אין זיין לאַנד. זיי זאָגן דעם בירגער: פאַלט ניט אַראָפּ ביי זיך וואָס איר אַליין זייט אַזוי גרוי אָנגעטאָן, וואָס אייער לעבן איז אַזוי מאָנאָטאָן און אָרעם — די גוטע צייט וועט קומען. אַט קוקט דאָך די וועלט אַרויף צו אונדז. והא ראיה: אַט איז מאָסקווע געוואָרן די מעקאַ פון דער וועלט. פון אַלע זייטן שטרעבן אַהין גלייביקע פון דער גאַנצער וועלט. יעדן טאָג האָבן מיר געזען דעלעגאַציעס אין מאָסקווע פון די פאַרשיידנסטע לענ־דער. מען נעמט זיי אויף מיט דעם גרעסטן פאַראַד, מען גיט זיי אָפּ די רייכסטע האָטעלן און מען האַלט זיי אין וואוילטאָג. עס קומען דעלעגאַציעס קיין מאָסקווע, טיילוויז אויך קיין לענינגראַד, פון אַרבעטער, קינדער און סטודענטן פון איבער דעם גאַנצן לאַנד. מען פירט זיי אין מוזייען צו ווייזן דעם רוסישן גלאַנץ פון אַמאָל, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אויפן חשבון פון פאָלק און די סאָוועטן האָבן עס איצט כלומרשט צוריקגעגעבן דעם פאָלק, און אויך, כדי זיי צו ווייזן דעם גלאַנץ פון היינט.

מען טוט אַלץ אָנשטאָט ברויט צו געבן פאַרוויילונגען. ספאָרט איז איצט געוואָרן זייער פּאָפּולער אין רוסלאַנד. אומעטום האָט מען אויסגעבויט גרויסע סטאַדיומס.

רוסלאַנד דאַרף ווי לעבן דעם קולטור־אויסבייט מיט אַנדערע לענדער. ניט נאָר צו ווייזן אויסלאַנד אירע דערגרייכונגען אויפן געביט פון קונסט, נאָר ניט ווייניקער, אויך צו הייבן די מאָראַל פון דער אייגענער באַפעלקערונג. יעדע באַטייליקונג מצד רוס־לאַנד אין די אָלימפּישע שפּילן, דער אויפטריט אין אויסלאַנד פון דעם רוסישן באַלעט און טעאַטער, פון רוסישע קינסטלערס — דאָס אַלץ גיט צו פּרעסטיזש דעם רעזשים ביים פאָלק.

***

די רוסישע הערשערס ווייסן ווי צו האַלטן הויך די מאָראַל פון פאָלק און ווי וויכטיק דאָס איז אין די באַדינגונגען פון רוסישן לעבן.

דעריבער רעדט די סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע מער פון אַלץ וועגן דעם אַז דער רעזשים זאָרגט זיך די ערשטע זאַך וועגן דעם וואוילזיין פון דעם מענטשן. איר פּאַרט איבער רוסלאַנד און זעט אומעטום אַזעלכע אויפשריפטן ווי: „מיר אַרבעטן אַז דער מאָרגן זאָל זיין שענער ווי דער היינט". „אונדזער ציל איז אָפּצוהיטן דאָס געזונט פון דעם מענטשן". „ווייניקער אַרבעטס־שעהן און בעסערע באַלוינונגען". די פּריוויליגירטע קלאַסן פון סאָוועט רוסלאַנד זיינען פרויען (ווען זיי דאַרפן געבוירן — ז. י.) און קינדער". און ווי געפעלט אייך אַן ערך אַזאַ מין פּזמון אין איינער פון כרושטשאָווס פילצאָליקע רעדעס: אַמעריקע — דערציילט ער — זוכט צו דערפינדן אַ נייע באָמבע, אַ באָמבע וואָס זאָל פאַר־ניכטן נאָר אַרמייען און ניט שעדיקן בנינים. אָט האָט איר אייך אַ באַווייז ווי ביי די קאַפּיטאַליסטן זיינען טייערער פון אַלץ מאַ־טעריעלע ווערטן, און דער מענטש איז ביי זיי ביליק. ביי אונדז קומט אין דער ערשטער ריי אין באַטראַכט דער מענטש (אַזוי רעדט אַן בושה דער פאַרטרעטער פון אַ לאַנד, וואו טעראָר איז דער מיטל צו הערשן).

דער עיקר זעט איר אַ צאָל לאָזונגען וועגן דעם, אַז רוסלאַנד שטרעבט צו פרידן, צו פעלקער־ברידערלעכקייט. מלחמה איז אַ וואָרט וואָס וואַרפט אַן שרעק אויף דעם רוסישן בירגער. טוט

די פּראָפּאַגאַנדע אַלץ צו ווייזן ווי טיף עס איז ביי די רוסישע הערשערס די ליבע צו שלום. אין דער „ליטעראַרישער ציַיטונג" (דער אָרגאַן פון פאַראיין פון די רוסישע שרייבערס) געפינען מיר אין דעם נומער פון 12טן אויגוסט למשל, אַזאַ אַרטיקל: „גבורה און ליבע צו שלום". אין דעם אַרטיקל ווייזט דער מחבר אַז די ווערטער „גבורה און שלום" פּאָרן זיך ניט מיטן קאַפּיטאַליזם. פאַרקערט, נאָר אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט ווי רוסלאַנד קען שטרעבן צו גבורה און צו דער זעלביקער צייט אויך צו שלום. אייגנטלעך איז שלום די לופט פון סאָציאַליזם, מלחמה די לופט פון קאַפּיטאַליזם.

די רוסישע צייטונגען זינגען תמיד איין לידל: די דייטשישע פאַשיסטן און רעוואַנשיסטן שטויסן די וועלט — דער עיקר אַמעריקע — צו אַ מלחמה. די קאַפּיטאַליסטישע וועלט קען ניט רואיק צוזען די דערגרייכונגען פון סאָציאַליזם אין סאָוועט-רוס-לאַנד. דעריבער האָט זי פאַרלאָרן דעם שכל און זוכט מלחמה. די רעגירונג פון סאָוועט-רוסלאַנד וויל נאָר איין זאַך: ברענגען די וועלט צוריק צום שכל, זי זאָל איינזען דעם אומזין פון מלחמה.

מען דערציילט ניט דער רוסישער באַפעלקערונג אַז אין אַמע-ריקע האָט כרושטשאָוו געזאָגט אַז ער וועט די קאַפּיטאַליסטישע וועלט באַגראָבן („מיר וועלן אייך באַגראָבן"). אמת, מען רעדט, אַז מיט דער צייט וועט סאָציאַליזם זיגן אומעטום איבער דער גאַנצער וועלט. ער וועט אָבער זיגן דורך אינערלעכע רעוואָלוציעס אין יעדן לאַנד, ניט דורך מלחמות.

און דאָ קומט אַריין נאָך אַ מאָמענט וואָס דאַרף אויפהייבן די מאָראַל פון סאָוועטישן מענטשן. ער איז דער וואָס איז געווען דער ערשטער צו בויען אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג. מען זוכט איינפלאַנצן אין דעם רוס אַ מין אתה-בחרתנו-געפיל, אַז ער איז דאָס אייבערשטע פון שטייסל. איר זעט איבער די גאַסן אַזאַ אויפשריפט: „אַ לויב צו דעם פאָלק וואָס בויט קאָמוניזם". ווען עס איז געשען די מעשה טיטאָוו, האָבן די צייטונגען געהאַט אַזעלכע קעפּלעך: „קאָמוניזם געבווירט העלדן" „און די העלדישע

אויפטועז פון די באהערשערס פון קאָסמאָס — איז די באַגײס־טערטע מי פֿון מיליאָנען". טיטאָווס אויפֿטו דאָס איז: „די גאוניש־קייט פון פאָלק, די פליגלען פון פאָלק, דער זיג פון פאָלק". דער אַלגעמײנער טאָן פון די צײַטונג־אַרטיקלען איז געווען אַז „נאָר אַ פאָלק וואָס גײט זיכער אויפן וועג אויפצובויען אַ קאָמוניסטישע געזעלשאַפט, האָט געקענט אַרויסגעבן אַזאַ העלד ווי טיטאָוו".

פאַרשטײט זיך אַז אַזאַ פאָלק, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, פאַרמאָגט אַ העכערע עטיק און אַ העכערע מאָראַל. דאָס רוסישע פאָלק איז ניט קײן געוויינטלעך פאָלק. עס בויט דאָס סאָציאַליס־טישע פאָטערלאַנד, זײער פאָטערלאַנד. קען דען זײַן אַ מער גליקלעך פאָלק?

***

אין קיעוו איז אונדז אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען מיט אַ גרופּע אַמעריקאַנער הײַ־סקול לערערס פון דער רוסישער שפּראַך. זיי זײַנען געשיקט געוואָרן קײן רוסלאַנד פון „אינדיאַנאַ יוניווער־סיטי" כדי זיך צו פאַרפולקומען אין דער רוסישער שפּראַך און זיך צו באַקענען מיט דעם ווי רוסן לעבן. זיי זײַנען געווען אין פאַרשײדענע טײלן פון רוסלאַנד. יעדער אײנער האָט געהאַט צו דערצײלן טרויעריקע איבערלעבונגען, האָט געהאַט צו דערצײלן וועגן נויט און אָרעמקייט, וועגן דער געדריקטער אַטמאָספער וואָס הערשט אין רוסלאַנד (מיר זײַנען געזעסן אַלע צוזאַמען אין אַ רעסטאָראַן) און אין מיטן געשפּרעך האָט אַ לערערין פון קאָנעקטי־קוט אויסגערופן: ווען איך וועל קומען צוריק אַהײם וועל איך עסן די ערד. איר ענגלישער אויסדרוק איז געווען: "I'll eat dirt".

יעדער אײנער פון אונדז איז אין דעם טאָג פון אַוועקפאָרן געווען גליקלעך וואָס ער פאַרלאָזט די טורמע, וואָס רופט זיך סאָוועט־רוסלאַנד.

קאַפּיטל זעקס

באַגעגענישן מיט ייִדן אין סאָוועט־רוסלאַנד

ניטאָ מער די מורא פון סטאַלינס צייטן. — אָבער דער ייִד לעבט נאָך אַלץ אין גרויס שרעק. — די טרויעריקע פּנימער פון די ייִדן אין קיעוו. — אַ שמועס מיט אַן אינטעליגענטער ייִדישער פרוי אין לענינגראַד וועגן דער שווערער לאַגע פון די ייִדן.

ווען איך בין געקומען קיין רוסלאַנד און גענומען זיך באַגעגענען מיט ייִדן, איז מיין האַרץ אָנגעפּילט געוואָרן מיט טרויער און צער. די טרויעריקע און שרעקעוודיקע פּנימער פון די ייִדן אויף קרעשטשאַטיק אין קיעוו וועלן מיך אַ לאַנגע צייט נאָכגיין. ייִדן גייען שטיל איבער דער גאַס, האַלטן זיך איינער לעבן אַנדערן. אָט דאָס שטילשווייגן זייערס רעדט מער ווי ווערטער. איר קריגט דאָס געפיל אַז זיי גייען אַרום ווי מענטשן וואָס אָטעמען שנאה צו זיך אין דער לופט. ווען איר זייט אין קיעוו פילט איר אַז פון דער ערד שרייט אַרויס דאָס פאַרגאָסענע ייִדישע בלוט בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. דאָס ייִדישע בלוט וואָס איז געווען אַזוי הפקר־דיק. עס הערט זיך פון דער ערד דאָס געוויין פון דעם שדים־טאַנץ וואָס די דייטשישע חילות האָבן אין ברודערשאַפט מיט די אוקראַאינער אויסגעטאַנצט איבער ייִדישע לעבנס. איר זעט אין שענסטן פּאַרק פון קיעוו אויף אַ בערגל אַן אייביק פייער וואָס ברענט אין אָנדענק פון די געפאַלענע אין דער „פאָטערלענדישער מלחמה". און אויף אַ שיינעם פּלאַץ שטייט אַ דענקמאָל צו דעם יונגן גענעראַל וואַטוטין וועלכער האָט מיט זיין מוט פאַרטריבן די נאַצישע האָר־

דעם פון קיעוו, באַפּרייט די שטאָט און געפאַלן אין שלאַכט. איר זעט אָבער ניט אין דער גאַנצער שטאָט קיין איין דענקמאָל וואָס זאָל דערמאָנען אָן די מערדערלעך־אומגעקומענע יידן. צו דערגאַנצן דאָס טרויעריקע בילד שטייט אויף איינער פֿון די הויפּט־גאַסן דער דענקמאָל צו באָגדאַן כמעלניצקי נאָך פון די אַמאָליקע צאַרישע צייטן — אַ דענקמאָל נאָך דעם קאָזאַק וואָס איז אין יאָר 1648 אַרויס מיט אַ רוף צו די אוקראַאינער אָנצוהייבן אַ הייליקע מלחמה פֿאַר דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן, פֿאַר דער קאָזאַקישער פֿרייהייט, קעגן פּריצים און יידן. דאָס שרעקלעכע יאָר 1648 איז באַקאַנט אין דער יידישער געשיכטע ווי גזירות ת"ח (טאַך). וועגן כמעלניצקים באַנדעס דערציילט דער יידישער כראָניקער פון יענער צייט נתן נטע האַנאָווער אין זיין „יון מצולה" אַז ביי אַ טייל יידן האָבן „יונים די הויט פון לייב אַראָפּגעשונדן און זייער פליייש פאַר די הינט געוואָרפן". „קינדער האָט מען צעריסן ווי פיש און געשאָכטן אין שוים פֿון דער מוטער." אָט דער רוצח איז פאַרבליבן אַ נאַציאָ־נאַלער העלד. די סאָוועטן האָבן אים דערהייבן צו אַ פרייהייטס־העלד. וואו איר זאָלט זיך ניט דרייען אין קיעוו זעט איר פֿון דער ווייטן דעם דענקמאָל אין זיין אָנדענק. ער פּאַסט זיך אַזוי גוט אַריין אין דער אַרומיקער איצטיקער סביבה פֿון יידן־האַס. איך האָב געטראַכט:

— בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע איז דער דענקמאָל, זיך צוקוקנדיק צו די אַרומיקע מערדערייען, מסתמא פון פרייד געוואָרן אַ לעבעדיקע באַשעפעניש. יעדנפאַלס איז ער געוועזן אַ דערמוטיקונג די יידן־מערדערס.

***

אַ בילד פון שוידערלעכסטער אָרעמקייט, וואָס דערשיטערט אייך ביז די טיפעניש פון אייער נשמה, זעט איר, ווען איר קומט אויפן פּאָדאָל. פּאָדאָל איז נאָך אין די צאַרישע צייטן געווען די יידישע געטאָ פון קיעוו. ווען איר קומט דאָרטן אָן בייט זיך אַפילו די לופט. גאָרניט ווי אין דעם איבעריקן טייל פון קיעוו. אַלטע געסלעך מיט הייזער, וואָס אָט בלאָזט זיי אַוועק דער ווינט. די מענטשן — אָנגעטאָן אין שמאַטעס, אַ סך באָרוועס. דאָרטן רעדט

מען אַ סך שפּראַכן, אַחוץ רוסיש: אַרמעניש, אוקראַאיניש, גרו־זיניש, אָבער מער פון אַלץ יידיש. יידן האַנדלען איינער מיט דעם צווייטן. די מענטשן זעען אוים בייז, אין כעס און דערשראָקן, ווי זיי וואָלטן געווען אין אַ שטענדיקן קאַמף אויפצוהאַלטן די נשמה, איבערצוכיטרעווען איינער דעם צווייטן.

אין פּאַדאָל זיינען אַמאָל געווען צוויי בתי־מדרשים, אָבער סטאַלין האָט געהאַלטן אַז איינער איז גענוג, און דעם צווייטן בית־מדרש האָט מען פאַרוואַנדלט אין אַ יוגנט־טעאַטער.

קיעוו איז געווען מיין לעצטע סטאַנציע אין סאָוועט־רוסלאַנד. אין דער שטאָט האָב איך איינגעזאַפּט אין זיך דעם גאַנצן יידישן וויטאָג אין „דעם לאַנד פון סאָציאַליזם״.

***

מיין ערשטע באַגעגעניש מיט אַ יידישן מענטשן איז פאָרגע־קומען נאָך אין לענינגראַד. דאָרטן אויף דער גאַס האָב איך אין אָוונט מיך באַגעגענט מיט אַ יידישער הענדלערקע, אַ יונגע און שיינע פרוי און, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אויך אַ זייער אינטערעסאַנטער מענטש. פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט פאַר־קויפט איר סחורה פאַר דער מלוכה. אין דעם כלומרשט סאָציאַ־ליסטישן לאַנד זעט איר אין גאַס הענדלערס פון כל־המינים, אָבער וואָס זיי זאָלן ניט פאַרקויפן, ציימונגען, שוך־בענדלעך אָדער סאָדע־וואַסער, איז עס ניט זייער אייגנס. זיי זיינען הענדלערס אָנגעשטעלט פון דער מלוכה.

ווען איך בין פאַרבייגעגאַנגען דאָס אָרט וואו די פרוי איז געשטאַנען, האָבן אונדזערע אויגן זיך באַגעגענט און מיר האָבן זיך דערקענט.

— איר זייט אַן אַמעריקאַנער ייד? — האָט זי מיך אַ פרעג געטאָן הויך אין יידיש.

— יע — האָב איך געענטפערט.

— ווי לעבט זיך יידן ביי אייך? — פרעגט זי מיך.

— גוט — ענטפער איך. „אָבער זאָגט מיר ווי לעבט זיך ביי אייך? איז אמת אַז מען האָט דאָ יידן פיינט?״

— אונדז איז דאָ גוט און וואויל — נעמט זי רעדן אויף גיך — אונדז פעלט קיין זאַך ניט. ס'איז רכילות ווען מען טראַכט אוים אַז אין אונדזער לאַנד הערשט אַנטיסעמיטיזם. דאָס איז אַ בילבול פון די שונאים פון סאָוועט־רוסלאַנד. ביי אונדז אין לאַנד הערשט פעלקער־ברידערשאַפט.

— אויב אַזוי — זאָג איך — וועל איך איבערגעבן אין אַמע־ריקע, אַז די יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד פעלט גאָרניט ניט, עס געשעעט זיי ניט קיין שלעכטס.

— יע, איר קענט דאָס טאָן — ענטפערט זי שאַרף.

איך דריי זיך אום אַוועקצוגיין. איך גיי אָבער ניט אָפּ אַ פּאָר טריט ווי איך הער אַז די פרוי רופט מיך צוריק.

— קומט, — זאָגט זי צו מיר — צוועלף ביינאַכט, ווען איך לייג צונויף מיין סחורה און גיי אַהיים, וועלן מיר רעדן.

צוועלף ביינאַכט בין איך געווען ביי דער פרוים געשטעל צוזאַ־מען מיט מיין פרוי און נאָך אַן אַמעריקאַנער טוריסט. די פרוי איז נאָך אַלץ געווען שטאַרק פאַרנומען. זי האָט דעם אָוונט געהאַט אַ סך קונים. לעבן געשטעל איז געשטאַנען איר מאַן וועלכער איז געקומען זי נעמען אַהיים. ער אַליין אַרבעט אַ גאַנצן טאָג אויף אַ פאַבריק. די פרוי העלפט צו מיט דעם פאַרדינסט, ווייל עס איז דאָ אַ פאַמיליע פון דריי קינדער.

דער מאַן איז געווען מיט איין אויג. דאָס צווייטע האָט ער פאַרלוירן אין דער מלחמה. אויך איז זיין פנים געווען צעשניטן. ער האָט גערעדט אַ זייער שלעכטן יידיש. ער האָט אונדז דערציילט אַז אויף דער פאַבריק וואו ער אַרבעט, זיינען די מערהייט אַרבעטער רוסן, און ער האָט קיין מאָל ניט באַגעגנט קיין פיינדשאַפט צו זיך, ווייל ער איז אַ ייד. ער האָט דערביי געשאָטן פעך און שוועבל אויף אַמעריקע פאַר איר אימפּעריאַליזם, וואָס זי זוכט אַ מלחמה און וואָס זי באַהאַנדלט גרויזאַם דעם נעגער.

— ווי קען אין רוסלאַנד זיין אַנטיסעמיטיזם? — האָט ער געטענהט — דאָס וואָלט דאָך געווען קעגן די סאָציאַליסטישע פּרינ־ציפּן און די פּרינציפּן פון פעלקער־ברידערשאַפט וואָס אויף זיי איז סאָוועט־רוסלאַנד געבויט.

— ס׳איז אַבסורד און לעכערלעך! — האָט ער אויסגעשריען אין רוסיש.

— וואַרט — האָט די פרוי אויסגערופן — איך בין באַלד פאַרטיק. זי האָט פאַרטריבן אירע קונים און אויף גיך פאַרמאַכט דעם געשטעל.

מיר האָבן אַלע פיר גענומען שפּאַצירן איבער דער גאַס. אין אָנהייב האָט דער געשפּרעך זיך אַלץ געדרייט אַרום דעם וואָס אַמעריקע איז דער מלחמה־צינדער. ווידער האָב איך געהערט די מעשה אַז קאָנגאָ איז אַן אַמעריקאַנער קאָלאָניע מיט דעם צוגאָב אַז אַמעריקאַנער אַגענטן האָבן דערמאָרדעט לומומבאַ. איך האָב געזען אַז צו די רייד וועט נים נעמען קיין סוף. האָב איך פּעסט אַ זאָג געטאָן:

— איך בין מיין גאַנץ לעבן געווען אַ יידישער לערער. מיך אינטערעסירט דער עיקר דער גורל פון די יידן, צוליב דעם בין איך געקומען אין רוסלאַנד. איך וויל וויסן ווי יידן פילן זיך דאָ. האָט איר מיר עפּעס צו דערציילן איז גוט, אויב ניט, צו וואָס זאָל איך אייך אויפהאַלטן אַזוי שפּעט ביינאַכט. איר דאַרפט דאָך מאָרגן גאַנץ פרי גיין צו דער אַרבעט.

***

יעמאָלט האָט די פרוי מיך גענומען אונטערן אָרעם און אַזוי שפּאַצירנדיק מיט מיר, פאַר מיר אויסגעגאָסן איר ביטער יידיש האַרץ. אירע רייד האָבן געקלונגען ווי אַן איכה־ליד אויף דעם יידישן ישוב אין רוסלאַנד. עס האָט גערעדט אַ קלוגע און אינטעליגענטע יידישע טאָכטער.

— איר פאַרשטייט — זאָגט זי — די קוואַלן פון שנאה, וואָס זיינען אין משך פון יאָרן געווען פאַרשטאָפּט, האָבן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה פּלוצעם אויפגעריסן מיט אויסערגעוויינטלעכער קראַפט. דעם יידן האָט מען גענומען באַשולדיקן אין אַלע צרות. אין דעם הונגער וואָס האָט געהערשט אין לענינגראַד, אין די פאַרשיידענע עפּידעמיעס. מען האָט גענומען שרייען אַז דער ייד באַהאַלט עסנוואַרג.

— אויב עמעצער האָט באַהאַלטן עסנוואַרג זיינען עס געווען די אויסדערוויילטע פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט. פאַר זיי, פאַר די קינסטלערס, ספּאָרטלערס, פוטבאָל־שפּילערס — דאָס גאָלד פון דער געזעלשאַפט — מיטגלידער פון דער ען־קאַ־ווע־דע און הויכע באַאַמטע האָט מען אונטער הייזער אויסגעבויט בונקערס אין פאָרעם פון ברייטע, געראַמע צימערן. מען האָט די צימערן רייך אויסמעבלירט, אָנגעגרייט דאָרטן אַ וועלט מיט עסנוואַרג. די וואָס האָבן זיך דאָרטן געפונען האָבן געלעבט אין וואוילטאָג, אָפט דורכגעפירט צעלאָזענע הוליאַנקעס אין דער צייט, ווען אויבן זיינען מענטשן געשטאָרבן אין די גאַסן פון הונגער.

— אָט דער אַנטיסעמיטיזם פון אונטן, — דערציילט זי ווייטער — איז שפּעטער אַריבער אויבן, צו די קעפּ פון דער מלוכה. ווער ווייסט, זאָגט זי, אפשר האָט מען אויך אויבן זיך איצט דערפילט אַ סך פרייער אויסצודריקן דערשטיקטע געפילן לגבי יידן, געפילן וואָס מען האָט אין זיך איינגעהאַלטן צוליב דעם וואָס אין אָנהייב פון דער באַלשעוויסטישער איבערקערעניש האָט מען ניט געקענט מאַכן קיין אויסנאָם.

— האָט דאָך לענין גערעדט וועגן גלייכהייט פאַר אַלעמען, אַז דאָס צאַרישע רוסלאַנד איז געווען אַ טורמע פאַר אירע פאַרשיידענע פעלקער. צו צעברעכן די ווענט פון דער טורמע איז דאָך געווען איינער פון לענינס לאָזונגען.

— אַחוץ דעם זיינען דאָך אין אָנהייב אַ סך יידן געשטאַנען אין דער שפּיץ און מען האָט זיך דעמאָלט גענייטיקט אין דער יידישער אינטעליגענץ.

— די לעצטע יאָרן פון סטאַלינס לעבן — דערציילט זי ווייטער — האָבן אָנגעוואָרפן אַ מורא אויף יידן. מען האָט יידן אַראָפּגעזעצט פון העכערע שטעלעס אויף נידעריקערע. מען האָט געמאַכט זיי זאָלן זיך פילן אַז זיי זיינען אויסער דער רוסישער געזעלשאַפט, אַז זיי זיינען שונאים פון לאַנד און זיי דאַרפן זיין דאַנקבאַר וואָס מען דולדט זיי. עס איז געווען אַ מורא אַז מען וועט בכלל צונעמען יידן פון יעדער אַרבעט אָדער אין בעסטן פאַל זיי אַוועקשטעלן אין דער לאַגע פון די נידעריקסטע. מען איז אויך געווען אין שרעק

עס זאָלן ניט אויסברעכן פּאָגראָמען אויף יידן ווי אין אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד.

— נאָך סטאַלינס טויט איז די לופט פאַר די יידן געוואָרן פרייער, עס איז פאַרשוואונדן אַ גרויסער טייל פון דער מורא. ס'איז בכלל איצט פרייער אין לאַנד, אָבער אויף די יידן ליגט נאָך אַלץ אַ פּחד. דער אַנטיסעמיטיזם האַלט דאָך נאָך אָן סיי אויבן און סיי אונטן. ווער ווייסט וואָס דער מאָרגן קען ברענגען?

— איין וואָרט פון כרושטשאָוון — רעדט זי צו מיר ווייטער — קען גאָר אַ סך פאַרמינערן די יידן־שנאה און אפשר זי אָפּשטעלן אין גאַנצן. קומט דאָך אָבער כרושטשאָוו פון אוקראַאינע, וואו יידיש לעבן איז תמיד געווען הפקר.

— איר ווייסט — זאָגט צו מיר די פרוי מיט אַ ווייטאָגדיקן שמייכל — אייגנטלעך איז אונדז איצט בעסער. פריער זיינען מיר יידן געווען אויבן, געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער פירונג פון דער מלוכה. איצט איז אונדז וואויל און גוט. מיר זיינען אונטן. זאָלן זיי, די גויים, זיך זאָרגן.

איך האָב פון דער פרוים רייד אויך פאַרשטאַנען, אַז זי אַליין איז אַ קרבן פון סטאַלינס גזירות, אַז פריער איז זי ניט געווען קיין הענדלערקע. זי האָט מיר אָבער ניט געוואָלט זאָגן וואָס איר פריערדיקע פּאָזיציע איז געווען. עס איז ביי איר, ווי עס זעט אויס, געווען אַ געוויסע מורא. מיר האָבן לאַנג געשמועסט. איך האָב איר דערציילט וועגן דעם ווי יידן לעבן אין אַמעריקע און ישראל און מיר זיינען זיך פונאַנאַנדערגעגאַנגען צוויי אַזייגער אין דער פרי. אויף די לעניגראַדער גאַסן איז געווען שטיל און אומעטיק. פון צייט־צו־צייט האָט מען געזען אַ שיכור זיך אַרומדרייען איבער דער גאַס. אומעטיק איז אויך געווען מיין האַרץ און איך בין זיך משער אויך דאָס האַרץ פון דער פרוי. איך און די אַנדערע צוויי טוריסטן האָבן זיך געזעגנט מיט דער פרוי און איר מאַן מיט אַ וואַרעמען האַנט־דרוק און זיך געוואונטשן עס זאָל זיין שלום אויף דער וועלט. אונדזערע לעצטע ווערטער זיינען געווען דער יידישער „שלום".

קאַפּיטל זיבן

די פרוי וואָס האָט אַלץ פאַרלאָרן

יידן זיינען גוט אינפאָרמירט וועגן מדינת ישראל. — זייער ווייניק יידן גלייבן די מיאוסע פּראָפּאַגאַנדע פון דער סאָוועטן־רעגירונג קעגן דער יידישער מדינה. — אַ באַזוך ביי אַן עלטערער פרוי וואָס האָט שוין ניט וואָס צו פאַרלירן. — סטאַלין און די מלחמה האָבן אומגעבראַכט איר גאַנצע פאַמיליע. — וואָס זי דערציילט וועגן דעם שרעקלעכן אַנטיסעמיטיזם פון דער רעגירונג און פון דעם פאָלק.

די דערפאַרונג וואָס איך האָב געהאַט מיט דער לענינגראַדער פרוי האָט זיך שטענדיק איבערגעחזרט ווען איך פלעג מיך באַגעגענען מיט יידן. לכתחילה פלעגן זיי מיר נעמען דערציילן אַז אַלץ איז וואויל און גוט. אָבער שפּעטער פלעגן זיי מיר עפענען זייער יידיש האַרץ. אָפט מאָל פלעגט געדויערן לאַנג ביז איך פלעג געווינען זייער צופאַרטרויען צו מיר. ווי אַ כישוף־וואָרט פלעגט אויף זיי ווירקן, ווען איך פלעג זיי זאָגן אַז איך בין אַ יידישער לערער, אַז איך לערן יידיש מיט יידישע קינדער. דאָס פלעגט זיי פאַראינטריגירן. זיי פלעגן באַלד וועלן הערן פון מיר וואָס מער און מער וועגן דעם ווי עס לעבט זיך יידן אין אַמעריקע.

גאָר גרויסע פאַראינטערעסירטקייט פלעגט ביי זיי אַרויסרופן ווען איך פלעג דערציילן אַז איך קום נאָר וואָס פון ישראל.

— אַזוי — פלעגן זיי זאָגן — איר זייט טאַקע געווען אין ישראל? איר האָט געזען דאָס יידישע לאַנד? ווי זעט דאָרטן

אוים? מען דערציילט אונדז דאָך אַז יידן לעבן דאָרטן אין דער גרעסטער נויט, אַז די מדינה איז ניט מער ווי אַ געציַיג פון דעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם און אַז דער אַרבעטער איז דאָרטן פאַרשקלאַפט צום קאַפּיטאַליזם.

אַנדערע האָבן דאָס געזאָגט מיט אַן אומזיכערער שטים ווי זיי וואָלטן ביי מיר זיך געבעטן: זאָגט אונדז אַז דאָס איז ניט אמת.

אַנדערע ווידער האָבן טאַקע געגלייבט אין די ליגנס וואָס סאָוועט־רוסלאַנד דערציילט וועגן ישראל.

אָבער גאָר אַנדערע — און זיי זיינען געווען די מערהייט — זיינען געווען גוט אינפאָרמירט וועגן דעם ווי יידן לעבן אין ישראל. מען קומט שטענדיק פון ישראל קיין סאָוועט־רוסלאַנד, און עס דערגייען גרוסן. חוץ דעם האָב איך מיך איבערצייגט אַז יידן זיינען בכלל גוט אינפאָרמירט וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, אויף דער צווייטער מערבדיקער זייט פון דעם אייזערנעם פאָרהאַנג. ווי אַזוי? ערשטנס, זיינען יידן פון די עלטסטע צייטן אַן געוואוינט צו לייענען צווישן די שורות. צווייטנס. איז פאַראַן אַ ראַדיאָ, ראַדיאָ־טראַנסמיטערס. נאָר וועגן דעם לאָמיר בעסער ניט ריידן צו פיל.

אויסגעמיטן צו פיל צו רעדן מיט מיר וועגן די יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד, האָבן געוויינטלעך יידן וואָס זיינען מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. אמת, זיי האָבן ניט תמיד געוואָלט דאָס צוגעבן. אָבער זייער פּראָפּאַגאַנדע־פראַזעאָלאָגיע, זייערע סטערעאָטיפּע ענטפערס האָבן זיי אַרויסגעגעבן. אַניט האָבן קרובים, אָדער פריינד, מיר דערציילט וועגן זייער פאַרטיי־אָנגעהעריקייט.

בכלל מוז מען זאָגן, אַז יידן זיינען שרעקעוודיקער ווי דער רוס און האָבן געוויינטלעך מורא צו רעדן. אַן אויסנאַם איז געווען איין פרוי. זי האָט פאַר מיר באַלד אָן מורא און צעגערונג אויסגעגאָסן איר ביטער הארץ, מיר דערציילט וועגן איר טרויעריקן גורל, וועגן אירע שווידערלעכע איבערלעבונגען.

***

וועגן דער פרוי האָב איך צו דערציילן אַ מעשה וואָס הייבט זיך אָן אין ניו־יאָרק. אין ניו־יאָרק לעבט אַ פרוי וואָס איז גוט

באַקאַנט אין די אַרבעטער־רינג קרייזן. אירע קינדער האָבן אַלע פאַרענדיקט די אַרבעטער־רינג מיטלשול און איצט זיינען זיי אָנגעזעענע טוערס אין אַרבעטער־רינג. מיט דער משפחה פאַרבינדט מיך אַ פריינדשאַפט פון אַ סך יאָרן. ווען די פרוי האָט געהערט אַז איך קלייב מיך פאָרן קיין רוסלאַנד, האָט זי מיר דערציילט אַז זי האָט דאָרטן אַ ברודער, אַ שוועסטער, אַ שוואָגער און שוועגערין, פלימעניקעס און פלימעניצעס. זייער אַדרעס וואו זיי וואוינען ווייס זי ניט, ווייל כאָטש זי קאָרעספּאָנדירט מיט זיי אָפט, שיקט זי אָבער אַלע בריוו אויף דעם אַדרעס פון אַ פרוי וואָס איז איר אומבאַקאַנט. די זעלביקע פרוי שיקט אויך אַריבער צו איר די בריוו פון אירע קרובים. זעט אויס אַז די קרובים האָבן מורא צו קריגן און שיקן בריוו דירעקט. קען זי מיר דעריבער געבן דעם אַדרעס פון אָט דער גוטער פרוי. אפשר וועל איך דורך איר צוקומען צו דער משפחה.

ווען איך בין געקומען אין מאָסקווע, האָב איך געפאָלגט די עצה און בין אַוועק אויפן אַדרעס פון דער פרוי. דאָס איז איצט געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס איך בין געווען אינעווייניק אין אַ רוסיש גרויסשטאָטיש הויז. איך האָב די הייזער געקענט פון אַמאָל. הויכע טרעפּן, לאַנגע, חושכדיקע קאָרידאָרן. איצט האָט עס אויסגעזען שטאַרק פאַרוואָרלאָזט און דער עיקר אין יעדן הויז האָבן געוואוינט מער משפחות ווי אַמאָליקע יאָרן. איז אויך געווען מער אָנגעוואָרפן, מער שמוץ. אַ קליין ליכט באַלייכט די לאַנגע קאָרידאָרן. איר קענט קוים געפינען אייער וועג. ווען מען האָט מיך געהערט גיין האָבן זיך געעפנט אַ ריי טירן. אין יעדן צימער וואוינט דאָך אַן אַנדער משפחה. איך האָב געזען אַז די פרוי — לאָמיר זי אָנרופן סאַמוּאילאָוונאַ — וואוינט אַרומגערינגלט מיט ניט־יידישע משפחות. איין יידישע פרוי צווישן אַ סך רוסן. ווען איך האָב געפרעגט אויף דער פרוי האָבן פון אַלע זייטן זיך געהערט אויסגעשרייען:

— סאַמוּאילאָוונאַ, איר האָט אַ גאַסט, אַן אַמעריקאַנעץ. אין דעם טאָן איז געווען אַ וועלט סאַרקאַזם און ביטערקייט. ער האָט געזאָגט: אוי, עס קומען צו דיר אויסלענדער!

אויף דעם געשריי האָט זיך באַוויזן אַ נידעריקע, דיקלעכע, עלטערע פרוי און מיך געפרעגט וואָס איך וויל. איך האָב איר

געזאָגט אַז איך האָב איר געבראַכט אַ גרוס פון קרובים אין ניו־יאָרק.

זי האָט מיך און מיין פרוי וואָס איז געווען מיט מיר, אַריינגענומען צו זיך אין צימער, און האָט באַלד הויך אָנגעשטעלט די ראַדיאָ.

איך האָב איר דערציילט ווער איך בין און דעם צוועק פון מיין קומען. איך האָב צו איר גערעדט אין רוסיש. זי האָט מיר אָבער געזאָגט:

— מיר זיינען דאָך יידן, איז לאָמיר בעסער רעדן יידיש. ס'וועט אויך בעסער זיין.

איך האָב אויף דער פרוי געקוקט. איך האָב געזען פאַר זיך פאַרטרויערטע אויגן, אַ געדיכטער קאָפּ זילבער־ווייסע האָר האָט באַצירט אַ גערונצלט, אָבער ליכטיק פּנים. זי האָט גערעדט מיט אַ טרויעריקער, ווייטאָגדיקער שטים. בעת זי האָט צו מיר גערעדט האָב איך געפילט אַז צוזאַמען מיט זאָרג, נויט און פּיין קומט אויך לעבנס־חכמה.

— זאָגט מיר — האָב איך זי געפרעגט — איר האָט גאָרניט קיין מורא אַז צו אייך זאָלן אָנקומען אַלע בריוו?

— וואָס זאָל איך מורא האָבן? — האָט זי שטיל און טרויעריק געענטפערט. איך האָב דאָך שוין אַלץ פאַרלאָרן. וואָס איז מיר געבליבן? מיין לעבן? בין איך דאָך שוין אַלט, איז וואָס איז דאָ מורא צו האָבן? דאָס האָט סיי ווי ניט קיין גרויסן ווערט פאַר מיר.

זי האָט מיר געוויזן אויף דער וואַנט, וואו עס זיינען געהאַנגען עטלעכע פאָטאָגראַפיעס. מיט אַ שטים וואָס האָט געשטיקט אין זיך טרערן האָט זי געזאָגט:

— איר זעט, — דאָס איז מיין מאַן און דער איז מיין עלטסטער זון. ביידן האָט אומגעבראַכט סטאַלין. און אָט איז נאָך אַ זון, ער איז געפאַלן אין דער מלחמה. ס'איז געבליבן אַ פרוי מיט אַ קינד, אַ יינגל. און אָט איז דער מיזיניק מיינער, ער איז געשטאָרבן בעת דער מלחמה פון אַן עפּידעמיע.

זי האָט מער ניט געקענט איינהאַלטן אירע טרערן און זיך צעוויינט אויפן קול. צוזאַמען מיט איר האָט אויך געוויינט מיין פרוי. אויך אויף מיין באַק האָבן גענומען רינען טרערן.

עס איז אַנטשטאַנען אַ לאַנגע דערדריקנדיקע שטילקייט, וואָס איז געווען שווער איבערצוטראָגן.

האָב איך די שטילקייט איבערגעריסן:

— דאָך איז דאָך פאַרבליבן אַ ליכטיק שטראַל אין אייער לעבן, אייער אייניקל — האָב איך אַ זאָג געטאָן.

— יע, אמת — האָט זי געענטפערט, — ווען איך קוק אויף מיין אייניקל ווערט מיר ליכטיק אין די אויגן. איר זעט, אָט איז זיין בילד. האָט עס ניט אַ ליכטיק פנים, אַ פנים פון אַ מלאכל?

און זי צעוויינט זיך ווידער.

— די שנור האָט חתונה געהאַט מיט אַ גוי און וואוינט מיטן אייניקל אין צווייטן צימער. עס איז ניט אַזוי גרינג דאָס צו זען פאַר זיך יעדן טאָג.

זי רעדט ווייטער:

— איר ווייסט, מען האָט אונדז דאָ שטאַרק פיינט. די דייטשן זיינען געשטאַנען ביי די טויערן פון מאָסקווע. זיי האָבן זיך דאָך שוין געגרייט אַריינצוגיין אין שטאָט און היטלער האָט געלאָזט וויסן אַז ער גרייט זיך פייערן זיין זיג מיט אַ גרויסן באַל אין האָטעל מעטראָפּאָל. ער האָט דאָך שוין אַפילו אָנגעגרייט גראַניט אויף אַוועקצושטעלן אַ דענקמאָל, און דערווייל... דערווייל האָט מען אויסגעשאָכטן די יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך. די רוסן זיינען געווען די וואָס האָבן אַרויסגעגעבן די יידן, וואָס האָבן אָנגעוויזן וואו יידן געפינען זיך (אַגב איז מיר אויסגעקומען די זעלבע מעשה צו הערן פון יידן אין אַנדערע שטעט).

— און איצט — פרעג איך פאָרזיכטיק — איצט איז אויך פאַראַן שנאה צו יידן?

די פרוי דערלאַנגט אַ זיפץ און זאָגט:

— זי האַלט אָן די שנאה, זי שיפּעט ווי אַ שלאַנג. אָט שטיי איך אויף באַגינען צו קויפן עסנוואַרג, געפין איך ווי תמיד אַ גרויסע ריי. עס שטייען גויים און עס וואַרפן זיך דורך יידן. קען דער גוי

ניט פאַרטראָגן וואָס דער ייד שטייט אויך. פיל מאָל הער איך ווי מען שרייט צו מיר: „איר, איר", און זע בייזע בליקן אויף זיך.

— איז וואָס טוט איר? — פרעג איך.

— וואָס זאָל איך טאָן? איך זאָג זיי: איך האָב מיט אייך ניט געשפּילט אין קנעפּלעך. בין איך ניט קיין ברודער. וואָס זאָל איך מורא האָבן פאַר זיי?

— דאָס לעבן — רעדט זי ווייטער — ווערט אונדז דאָ אַלץ שווערער. די יידישע יוגנט זעט ניט פאַר זיך קיין מאָרגן. ס'איז אַ לעבן אָן האָפענונגען. וויל אַ יידישער זון אָדער טאָכטער אָנקומען אין אוניווערסיטעט, שטעלט מען אים אַ צוויי (אין רוסלאַנד איז דאָס כמעט דער נידעריקסטער צייכן). אָפיציעל הייסט עס אַז ער איז ניט פעאיק. דער ייד האָט אַ גראָבן קאָפּ.

— איז מיינט עס אַז יידן קענען מער ניט קריגן העכערע בילדונג? — פרעג איך זי.

— דאָס איז ניט אין גאַנצן ריכטיק — ענטפערט זי. — מען לאָזט יידן דערוויל נאָך צו צו לערנען מעדיצין, עקאָנאָמישע וויסנשאַפט און אַפילו אויף ציווילן אינזשיניער, אָבער ניט מיליטערישן. אויך די טיר אין די שולן הייבט אָן ווערן שמעלער פאַר דעם יידן. אין גאַנצן לאָזט מען יידן ניט אַריין אין מיליטערישע און דיפּלאָמאַטישע שולן. מען לאָזט זיי ניט לערנען אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק, פּאָליטישע וויסנשאַפט און שפּראַכן.

— איז דען ניטאָ קיין אויסוועג? — פרעג איך ווייטער.

— יע, עס העלפט אָפט כאַבאַר. אַז מען שמירט אונטער וועמען מען דאַרף, איז נאָך דאָ אַ האָפענונג.

— איר האָט דאָך מסתמא געהערט, — רעדט זי ווייטער — אַז ביי אונדז לעבט מען פון גנבה און כאַבאַר, פון דעם העכסטן ביז דעם נידעריקסטן.

— אגב, איז דען ניטאָ קיין מורא אַז מען וועט כאַפּן? — פרעג איך.

— די מורא איז פאַראַן, — ענטפערט זי. — אָבער פון דעם אַליין וואָס מען פאַרדינט קען מען ניט לעבן. ביי אונדז זאָגט מען אַז דער מענטש האָט אַ ברירה אָדער שטאַרבן פון הונגער, אָדער

פון מורא. קלייבט מען אוים דאָס צווייטע, ווי דאָס ווייניקער געפערלעכע.

— מען דערציילט ביי אונדז, אַז ווען רוזוועלט האָט זיך באַגעגנט מיט סטאַלינען אין יאַלטאַ, האָט ער אים דערציילט וועגן אַמעריקעס רייכקייט, וועגן די ברייטע וועגן וואָס אַמעריקע האָט אויסגעבויט איבער איר לענג און ברייט און ווי איבער די וועגן לויפן צענדלינגער טויזנטער אויטאָמאָבילן. האָט סטאַלין אים געענטפערט: אויך אונדזער לאַנד וואָלט געקענט זיין רייך. איז די צרה וואָס מיר פאַרמאָגן 200 מיליאָן מענטשן און יעדער איינער איז אָדער אַ גנב, אָדער אַ כאַבאַרניק.

— די צרה — רעדט זי ווייטער — איז וואָס אַז מען כאַפּט אין גנבה אָדער כאַבאַר אַ רוס, אַ טאַטאַר, אַ גרוזינער, אָדער ווער עס זאָל ניט זיין, ווערט זיין נאַציאָנאַליטעט ניט אונטערגעשטראָכן. די שולד איז אַ פּערזענלעכע. פאַלט אָבער אַריין אַ ייד, אונטערשטרייכט מען אַז ער הייסט משה אָדער שמואל און עס פאַלט אַ שאָטן אויף אַלע יידן. עס גייט יעמאָלט דורך אַ ציטער דורך אַלע יידן, יעמאָלט באַגעגענען יידן בייזע בליקן פון אַלע זייטן.

מיר האָבן ביי דער פרוי געפרעגט, צי מיר וועלן קענען זיך טרעפן מיט דער משפחה פון אונדזערע ניו־יאָרקער פריינד. אויף דעם האָט זי געענטפערט אַז זי וויים ניט. זי וועט זיי איבערגעבן אין וועלכן האָטעל מיר שטייען איין.

דערוויל גיט זי אַ זאָג: — איינער פון זיי איז אַ קאָמוניסט, נאָר ווען עס איז געקומען חתונה מאַכן די טאָכטער איז ער באַשטאַנען אַז די חתונה זאָל פאָרקומען אין שול. כאָטש דאָס איז געווען פאַר אים, ווי אַ קאָמוניסט, אַ גרויסע ריזיקע. שפּעטער האָט ער געוואָלט דאָס זעלביקע טאָן, ווען דער זון האָט געדאַרפט חתונה האָבן, אָבער די מחותנים פון כלהס צד האָבן צו דעם ניט דערלאָזן.

מיר האָבן באַקוקט דאָס צימער, וואו מיר זיינען געזעסן, געזען אָרעמקייט אַרום און געפרעגט ביי דער פרוי פון וואָס זי לעבט. האָט זי אונדז געענטפערט אַז זי קריגט אַ פענסיע פון דער

מלוכה. אויף דער פראַגע צי די פּענסיע איז גענוג גרויס האָט זי געענטפערט:

— מען קען אויפהאַלטן די נשמה. וואָס דאַרף איך מער? קיין קליידער דאַרף איך דאָך ניט.

פלוצעם האָט די פרוי זיך אויפגעהויבן און אונדז אַ זאָג געטאָן:

— איר ווייסט, איר זייט שוין דאָ געזעסן צו לאַנג. ווער ווייסט וואָס עס טראַכטן די שכנים אין די אַרומיקע צימערן. גייט בעסער אַהיים.

מיר האָבן זיך אויפגעהויבן און זיך האַרציק געזעגנט מיט דער וואונדערבאַרער פרוי. מיר האָבן געהאַט דאָס געפיל אַז מיר זעגנען זיך מיט אַן אייגענער.

מיר האָבן מיט דער משפחה זיך געטראָפן. נאָר וועגן דעם שפּעטער.

קאַפּיטל אַכט

די יידישע יוגנט און די יידישע קולטור

געמישטע חתונות ווערן צעשטערט. — קינדער פון אַסימי־לירטע פאַמיליעס ווילן זיך באַקענען מיט יידישקייט. — יידיש און די יידישע קולטור פריער אונטער די יעווסעקעס. — אַ שמועס מיט אַן עלטערן יידן אין אַ רוסישער שטאָט.

אַ באַקאַנטער יידישער שרייבער האָט מיר געגעבן אַן אַדרעס צו זיינעם אַ פריינד אין רוסלאַנד. ער האָט מיר געזאָגט אַז דער פריינד זיינער איז אַ פּלייסיקער לייענער פון דער העברעישער און יידישער ליטעראַטור. נאַטירלעך אַז איך בין געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט אים זיך צו טרעפן.

נאָך אַ לאַנגער זוכעניש איבער פינצטערע, אומהיימלעכע קאָרידאָרן האָב איך ענדלעך געפונען אַ טיר מיט דער אויפשריפט: יאַנקל ראַבינאָוויטש, די טיר וואָס איך האָב געזוכט. נאָך איידער איך האָב באַוויזן אַ דריק צו טאָן דאָס גלעקל, בין איך שוין געווען אַרומגערינגלט מיט רוסישע מענער און פרויען. זיי האָבן מיר געלאָזט וויסן אַז די באַטרעפנדיקע פּערזאָן איז אויף אַ דאַטשע און אַז זיין טאָכטער איז אַוועק מיט אַ חברטע אין די מואוויס.

איך האָב באַמערקט אַז אויף דער טיר הענגט אַ בריוו־קעסטל מיט אַ שלעסל אויף דעם. איך האָב ניט לאַנג געטראַכט, אַרויס־גענומען פון קעשענע אַ שטיקל פּאַפּיר, אָנגעשריבן דער טאָכטער אין רוסיש אַ בריוול, אין וועלכן איך האָב איר געלאָזט וויסן אַז איך האָב פאַר איר פאָטער אַ גרוס פון זיינעם אַ פריינד, און זי

זאָל מיר טעלעפאָנירן אין האָטעל מאָרגן אַכט אַזייגער אין דער פרי. איך האָב אָבער באַלד זיך דערשראָקן פאַר מיין טאַט. ווער ווייס — האָב איך געטראַכט — אפשר קען נאָך אַרויסקומען צוליב דעם אַ צרה פאַר דעם יידן?

אַכט אַזייגער האָט געקלונגען דער טעלעפאָן און די טאָכטער האָט מיר אין רוסיש געלאָזט וויסן אַז זי האָט זיך פאַרבונדן מיט איר פאָטער און דריי אַזייגער בייטאָג וועט ער זיין ביי מיר אין האָטעל.

דריי אַזייגער קומט צו מיר אַריין אַ הויכער, שטאַרק־געבויטער מאַן אין די זעכציקער. פאַר אַ רוסישן מענטשן גאַנץ פיין געקליידט. זיין פנים איז אַ צופרידענער, זיין האַלטונג איז אַ זיכערע. קיין שום סימן פון אומרואיקייט.

זיך באַקענט, לאָזט ער מיר וויסן אַז ער האָט אַמאָל נאָך פון די סטודענטישע יאָרן אין דער שווייץ (אין די צאַרישע צייטן האָבן אַ סך יידישע בחורים און פרויען וואָס האָבן ניט געקענט אַנקומען אין אַ רוסישן אוניווערסיטעט, געפאָרן זיך לערנען אין דער שווייץ) געקענט מיין ברודער ישראל יעפרויקין, ע"ה. אַמאָל איז ער געווען אַ לינקער פועלי־ציון. איצט איז ער אַן אומפּאַרטייאישער.

ער האָט אין 1918 געאַרבעט צוזאַמען מיט סטאַלינען אין פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר נאַציאָנאַלע ענינים (סטאַלין איז געווען דער קאָמיסאַר). די ערשטע צייט האָבן די באָלשעוויקעס צוגעצויגן די לינקע פועלי־ציון צו דער אַרבעט אויף דער יידישער גאַס. שפּעטער, ווען מען האָט זיי ניט געדאַרפט, האָט מען זיי אַרויסגעוואָרפן.

— ער האָט סטאַלינען גוט געקענט — דערציילט ער מיר — סטאַלין איז ניט געווען קיין אַנטיסעמיט, נאָר די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער גענומען זיך שרעקן פאַר זיין אייגענעם נפש. ער האָט אומעטום געזען אַ באַהאַלטענעם מעסער אָדער רעוואָלווער. אָט די מורא איז ביי אים דערגאַנגען ביז משוגעת און קיינער וואָס איז געווען אַרום אים איז ניט געווען זיכער מיטן לעבן.

— דער אַנטיסעמיטיזם — זאָג איך אים — איז דאָך ניט געווען קיין פּערזענלעכע משוגעת פון סטאַלינען. די גאַנצע רוסישע געזעלשאַפט איז דאָך אין יענער צייט משוגע געוואָרן אויף דעם. סטאַלין האָט דאָך געפּילט אָט די שטימונגען. אפשר איז דער אַנטיסעמיטיזם געווען גאָר נייטיק צוליב פּאָליטישע מאָטיוון. ביי די באָלשעוויקעס באַרעכטיקט דאָך יעדער מיטל דעם ציל.

— קען איך ניצן אייער טעלעפאָן? — דערלאַנגט ער מיר פּלוצעם אַ פרעג — איך דאַרף טעלעפאָנירן מיין טאָכטער.

ער פאַרבינדט זיך מיט דער טאָכטער און זאָגט איר:

— טייער קינד מיינס, ווען דו גייסט אַהיים פון דער אַרבעט, פאַרגעס ניט קויפן פוטער. וואָס מאַכסטו טייערע? זייער פיין... איך וועל דיך באַלד זען... פאַרגעס ניט די פוטער....

ער הענגט אויף דאָס טרייבל און דערלאַנגט מיר אַ זאָג:

— יידן אַליין זיינען אַנטיסעמיטן. ווי נאָר מען כאַפּט אַ יידן ביי עפּעס וואָס עס איז ניט כשר, זיינען דאָ גענוג יידן וואָס נעמען שרייען אַז יידן זיינען אויסוואורפן, די מיאוסטע באַשעפענישן. זיי שרייען נאָך העכער פון די גויים.

— נו, — זאָג איך — אין אַלע לענדער זיינען פאַראַן יידן וואָס האַסן זיך אַליין און פאַרשילטן זייער אָפּשטאַם. דאָס באַרעכטיקט דאָך ניט דעם אַנטיסעמיטיזם.

— זיכער ניט, — ענטפערט ער.

— ווי האַלט עס מיט געמישטע חתונות? — פרעג איך אים, — איך האָב געהערט אַז די מכה איז זייער אַ פאַרשפּרייטע?

— יע, — זאָגט ער, — זי איז געווען שטאַרק פאַרשפּרייט ערב דער מלחמה, אין צייט פון דער מלחמה, אָבער איצט ווערט זי שוואַכער.

— מיר איז אויסגעקומען — דערציילט ער — די לעצטע צייטן צו זיין אָפט אין געריכט. איך אַרבעט שוין ניט, גיי איך אין געריכט זיך צוהערן צו פּראָצעסן. עס קומען פאָר אַ סך גט־פּראָצעסן פון געמישטע פּאָרלעך. יעדערער רעדט אויס אויפן צווייטן דאָס ערגסטע. און אַז מען קריגט שוין דעם גט זאָגט דער

גוי אָדער די גויע: — „גאָט צו דאַנקען, פּטור געוואָרן פון דעם זשיד, אָדער זשידאָווקע".

— מען ניכטערט זיך אוים. ביי דעם גוי איז פאַראַן אַ ווידער־ווילן חתונה צו האָבן מיט אַ יידן. עס קען אָפּט אויך שטערן דער קאַריערע און דער ייד האָט מורא.

— אָבער — זאָג איך — יידן לעבן דאָך דורכגעמישט מיט גויים. די שכנים זיינען ניט־יידן. קינדער האָדעווען זיך צוזאַמען, שפּילן זיך צוזאַמען, גייען אין איין שול, מוזן דאָך, אפילו ווען עס הערשט אַנטיסעמיטיזם, אַרויסקומען געמישטע חתונות. ליבע, ווייסט איר דאָך, שטעלט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּ.

— יע, — ענטפערט ער — געמישטע חתונות וועלן זיין. אָבער אין דער נייער אַטמאָספער קענען זיי מער ניט טראָגן קיין מאַסן־כאַראַקטער. מען זעט אויך אַרום זיך צו פיל צעבראָכענע לעבנס, צעשטערטע משפּחות.

— ווי האָט דער אַנטיסעמיטיזם געווירקט אויף דער יוגנט?

— פרעג איך אים — קערט מען זיך אום צו יידישקייט?

— איך וועל אייך זאָגן, — ענטפערט ער — אַ טייל זוכט וואָס מער צו פאַרלייקענען דעם יידישן אָפּשטאַם, מען וואָלט עס געוואָלט אין גאַנצן באַהאַלטן. אָבער דער פינפטער פונקט אין פּאַספּאָרט וואו יעדער רוסישער בירגער מוז אַריינשרייבן זיין פעלקערשאַפט שטייט אַזאַ יידן אין וועג. אמת, ביי געמישטע חתונות גיט מען זיך אַן עצה.

— ווי אַזוי? — פרעג איך.

— גאַנץ פשוט. ווען אַזעלכע פאָרלעך שיקן אַוועק דאָס קינד אין שול פאַרשרייבט מען עס ווי אַ רוסיש, טאַטאַריש קינד און דאָס גלייכן. דאָס איז דערלויבט. שפּעטער ווען דאָס קינד ווערט אַלט 17 יאָר, דאַרף עס אַרויסנעמען אַ פּאַס. יעמאָלט קען דער זון אָדער טאָכטער באַשטימען, צי זיי זאָלן אָנגעבן די נאַציאָנאַלי־טעט פון דער מוטער אָדער דעם פאָטער.

— איר ווייסט — זאָגט ער — עס זיינען צווישן זיי פאַראַן אַזעלכע וואָס פאַרשרייבן זיך ווי יידן. עס מערקט זיך ביי די

יינגערע דורות אַ ווילן זיך צו פֿאַרבינדן מיטן אייגענעם פֿאָלק. אָבער זיי זיינען צעטומלט. רעליגיעז זיינען זיי ניט. יידיש קענען זיי ניט. וואוהין צו גיין האָבן זיי ניט. וואַקסט דער אינטערעס צו קענען יידישע געשיכטע, זיך צו באַקענען מיט דער יידישער פֿאַר־גאַנגענהייט.

— ווי עס זעט אויס — באַמערק איך — חזרט זיך איבער אין רוסלאַנד דאָס וואָס האָט שוין ניט איין מאָל געטראָפֿן מיט יידן. וואָס שטאַרקער עס איז דער דרוק אויף זיי זיך אָפּצוזאָגן פֿון יידישקייט, וואָס מער עס וואַקסט די שנאה צו זיי אַלץ מער נעמען זיי זיך טוליען צום אייגענעם פֿאָלק.

— אמת — ענטפֿערט ער — אייערע ווערטער זיינען ריכ־טיקע. וואָלט מען עס איבערגעלאָזן אונדז אַליין צו באַשטימען וואָס מיר זאָלן זיין, וואָלטן מיר אפשר מיט דער צייט געוואָרן גוטע רוסן. עס האָט טאַקע אויסגעזען אַז אַ סך יידן האָבן אויס־געקליבן דעם וועג וואָס פֿירט פֿון פֿאָלק.

— גאַנץ אַנדערש — רעדט ער ווייטער — איז ווען מען הייסט אונדז פֿון אויבן ווערן אויס יידן און צו דער זעלביקער צייט טוט מען אונדז אָן צרות צוליב דעם ווייל מיר זיינען יידן. יעמאָלט נעמען ווערן יידן אַפֿילו די וואָס ביי זיי איז דאָס יידישע באַ־וואוסטזיין שוין לאַנג געווען אויסגעלאָשן.

— מילא, — טוט ער אַ מאַך מיט דער האַנט אין פֿאַרלאָרנ־קייט — דער אַלטער דור געדענקט די יידישע רעכטלאָזיקייט פֿון אַמאָל, ער ווייס אַז יידן האָבן אין אַלע צייטן איבערגעלעבט צרות. אָבער דער יינגערער דור, ער איז דאָך אויסגעוואַקסן און זיך גע־האָדעוועט אין אַ סביבה פֿון גלייכהייט פֿאַר דעם יידן און פּלוצעם האָט מען אים גענומען פֿאַרשטעלן דעם וועג וואוהין ער זאָל זיך ניט ווענדן און דרייען. שטייט ער איצט אַ פֿאַרלאָרענער.

— עס זיינען דאָך געווען יידישע שולן, אַ יידיש טעאַטער, יידישע פֿאַרלאַגן. האָבן זיי ניט געווירקט יידישלעך אויף די יונגע דורות ? — לאָז איך ניט אָפּ.

מיין גאַסט צעלאַכט זיך :

— ערשטנס, האָבן די מערהייט עלטערן קיין מאָל ניט געשיקט די קינדער אין אַ יידישער שול. צווייטנס, זיינען די יידישע שולן ניט געווען, אַחוץ דער שפּראַך, יידישע. יידישע געשיכטע האָט זיך אין דער שול אָנגעהויבן מיט דעם יאָר 1917. אַלץ וואָס עס איז געווען פריער אין יידישן לעבן איז פאַרמיאוסט געוואָרן. די עלטערן האָבן בּיסלעכוויז פאַרלאָרן דעם אינטערעס פאַר אַ יידישער שול פון יידישע ווערטער, אָבער אָן יידישע ווערטן, אָן יעדן יידישן אינהאַלט. האָבן זיי אויפגעהערט שיקן די קינדער אין דער שול. דער קריזיס אין דער יידישער שול האָט זיך אָנגעהויבן נאָך איידער זי האָט זיך פאַרמאַכט. די לעצטע יאָרן פאַר איר אונטערגאַנג זיינען געווען גאָר ווייניק קינדער אין די עלטערע קלאַסן. מילא, האָבן די עלטערן געטראַכט, זאָל דאָס קינד וואָס האָט שוין אָנגעהויבן לערנען אין דער שול, זי פאַר־ענדיקן, אָבער די יינגערע קינדער וועלן מיר שוין בעסער שיקן אין אַ רוסישער שול. איר אינהאַלט איז דאָך סיי ווי דער זעלביקער ווי אין דער יידישער שול. די רוסישע שול קען אַמאָל אויך העלפן אין דער קאַריערע.

— די יידישע שול, דאָס יידישע טעאַטער — רעדט ער ווײַ־טער — זיינען געווען אויסגעליידיקט פון יעדן יידישן אינהאַלט. אויב איר ווילט אַפילו אַנטי־יידיש. יעדער סימן פון יידישער טראַ־דיציע איז פאַר זיי געווען טריף.

— איך האָב דאָך אָבער געהערט — רייס איך אים איבער — אַז דער יידישער טעאַטער איז קינסטלעריש געשטאַנען אויף אַ גאָר הויכער ניוואָ.

מיינע רייד רעגן אים אויף:

— טעכניש — זאָגט ער — יע, אָבער ניט קינסטלעריש. דאָס וואָס מען האָט געשטעלט אין יידישן טעאַטער איז געווען ניט מער ווי שונד, אפשר נאָך ערגער. אין דער צייט ווען אויף דער רוסישער בינע האָט מען געשפּילט טשעכאָוו, גאָרקין, גריבאָיעדאָוו, אָס־טראָווסקין און אַנדערע גרויסע מייסטערס פון דער רוסישער ליטע־ראַטור, האָט מען אין יידישן טעאַטער אויפגעפירט שלעכטע,

געשמאַקלאָזע באַאַרבעטונגען אָדער געמלאכהטע פּיעסעס. דער יידישער טעאַטער-באַזוכער האָט געזען מיאוסע יידן, פּיזיש און גייסטיק. ער האָט געזען אויף דער בינע אַ פאַרקרימט, אָפּשטויסנ־דיק יידיש פּנים. איז ער אַנטלאָפן פון אַזאַ מין טעאַטער און אויס־געמיטן אין אים אַריינצוגיין אַזוי ווי מען מיידט אויס זיך צו באַ־געגענען מיט אַן אַנטיסעמיט, וואָס קען נאָך באַליידיקן.

— דאָס זעלביקע וואָס איז געשען מיט דער שול — זעצט ער פאָר — איז געשען מיט דער טעגלעכער פרעסע, מיט די פאַר־שיידענע זשורנאַלן. זיי זיינען געווען פול מיט פּראָפּאַגאַנדע און לויב צום סאָוועטן-פאַרבאַנד.

— יידן האָבן אין זיי גאָרניט געפונען וואָס זאָל זיי אינטערע־סירן ווי יידן, האָט מען אויפגעהערט זיי אַריינגעמען אין האַנט. די פּראָפּאַגאַנדע האָט מען דאָך געקענט קריגן אין רוסיש.

— הייסט עס, — פרעג איך — אַז עס איז פאָרגעקומען אַ לאַנגזאַמער פּראָצעס פון אַסימילאַציע, מען האָט זיך דערצויגן אין אַ רוסישער שול, געגאַנגען אין רוסישן טעאַטער, געלייענט רוסישע צייטונגען און ביכער?

— אַזוי איז געווען — נעמט ער רעדן מיט היץ. — נאָך מער: די יעווסעקן, די וואָס זיי האָט מען אָנפאַרטרויט די יידישע קולטור אין סאָוועט-רוסלאַנד זיי זאָלן זי אָפּהיטן, זיינען געווען די ערשטע וואָס האָבן געגראָבן אַ קבר פאַרן יידישן לשון און פאַר אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט יידיש און יידיש לעבן. האָט דאָך דימאַנשטיין, איינער פון די פּירערס פון דער יעווסעקציע, אַמאָל זיך אויסגע־דריקט אַז זיי — די יידישע קאָמוניסטן — וועלן ניט פאַרגיסן קיין טרער, ווען מיט דער צייט וועלן די גרעסערע, רייכערע שפּראַכן אַרויסשטויסן יידיש פון יידישן לעבן. יידיש דאַרף מען דערווייל האָבן פאַר אַגיטאַציע צווישן די יידישע מאַסן, פאַר דעם „סאָציאַ־ליסטישן אויפבוי”. ווי לאַנג עס איז פאַראַן אַ נויטווענדיקייט דאַרף מען אין דער שפּראַך באַפרידיקן די קולטור-נויטן פון דעם יידישן מענטשן. עס וועט אָבער קומען אַ צייט ווען די יידן פון רוסלאַנד וועלן זיין פולקום אַסימילירט. יעמאָלט וועט פאַרשווינדן די נויט

אין אַ יידישער צייטונג, יידישער שול, יידיש טעאַטער און אַלע אַנדערע פאָרמען פון יידישער קולטור.

— פאַר דעם סאָציאַליסטישן אויפבוי איז איבעריק געווען אַ יידישער אינהאַלט. און וואָס גרעסער עס איז געווען דער מה־יפיתניק, אַלץ מער האָט ער געלעקט די האַנט פון דעם פריץ, פון דער סאָוועטישער מאַכט.

— וואָס ווילט איר? — זאָגט מיין גאַסט מיט אַ ווייטאָגדיקן שמייכל — סטאַלין האָט ניט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטן אויף דעם ממילאדיקן גאַנג פון לעבן, האָט ער גענומען אַ שאַרפע האַק און אכזריותדיק, אָן רחמנות, אַלץ איבערגעשניטן.

די אַלע רייד פון מיין גאַסט, אַרויסגעזאָגט מיט ביטערקייט און ווייטאָג, וואַרפן אָן אַן אומעט אויף מיר. איך זוך אָבער אַ טרייסט און פרעג אים:

— זאָגט מיר, ווערט גאָרניט געשאַפן אויפן געביט פון דער יידישער קולטור אין דער רוסישער שפּראַך? איך ווייס אַז אין דייטשלאַנד, וואו עס האָט געבושעוועט די אַסימילאַציע־כוואַליע איז געשאַפן געוואָרן אַ רייכע ליטעראַטור אויפן געביט פון יידישער געשיכטע; איך געדענק אויך אַז אין די צאַרישע צייטן זיינען אַרויסגעגאַנגען יידישע ביכער, זשורנאַלן אין דער רוסישער שפּראַך. שמעון פרוג, למשל, האָט דאָך אָנגעהויבן ווי אַ יידישער דיכטער אין רוסיש, שמעון דובנאָוו האָט זיין גרויסע יידישע געשיכטע פאַר־עפנטלעכט אין דער רוסישער שפּראַך. איז עפּעס פאַראַן אַ סימן פון דעם מין יידישע ליטעראַטור אין סאָוועט־רוסלאַנד?

— איר זייט נאַאיוו — ענטפערט ער מיר — אין דער לופט פון היינטיקן יידישן לעבן אין סאָוועט־רוסלאַנד איז אַזאַ זאַך אומ־מעגלעך. וואָס וועט זיין שפּעטער ווייס איך ניט. מען דאַרף בכלל האָפן אַז עס וועט אָפּלאָזן.

איך פרעג אים מיט וואָס ער באַשעפטיקט זיך. ענטפערט ער מיר אַז ער קריגט אַ פענסיע. די סומע וואָס ער רופט אָן איז אַ גאַנץ גרויסע. זיינע פריערדיקע פאַרדינסטן האָבן געדאַרפט זיין גאַר גרויסע אַזאַ פענסיע צו קריגן. פון זיינע אָנדייטונגען האָב איך

פאַרשטאַנען אַז ער האָט פריער פאַרנומען אַ וויכטיקע פּאָזיציע. ער האָט מיר אויך געזאָגט אַז זיין טאָכטער פאַרדינט. עס לעבט זיך אים גוט אין זיין פּערזענלעכן לעבן. דאָס איינציקע וואָס פעלט אים איז יידישע און העברעאישע ביכער. אין אַלגעמיין האָט ער קיין שום טענות ניט צו דעם סאָוועטישן רעזשים.

איך האָב אָפּגערעדט מיט אים זיך צו טרעפן אויפן צווייטן טאָג.

— יעמאָלט האָב איך אים געזאָגט — וועל איך מיט אייך ריידן גענויער וועגן אַלגעמיינעם לעבן אין רוסלאַנד, איך האָב אייך נאָך צו פרעגן אַ סך וועגן יידישן לעבן.

אָבער, ווען עס איז געקומען די צייט פון אונדזער צווייטער באַגעגעניש, האָט די טאָכטער מיר געקלונגען אַז איר פאָטער האָט געקראָגן אַ שטאַרקן צאָן־ווייטיק, און ער האָט געמוזט גיין צום דענטיסט. ער וועט מיך רופן מאָרגן. אויף מאָרגן טעלעפאָנירט ווידער די טאָכטער אַז איר פאָטער האָט פּלוצעם געמוזט אַוועקפאָרן פון שטאָט.

ביידע מאָל האָט זי געבעטן איך זאָל ניט פאַרגעסן אָן איר פאָטער און אים שיקן יידישע ביכער.

קאַפּיטל ניין

ער שיקט דורך מיר אַ גרוס צום ברודער אין רוסלאַנד

ווי אַזוי דער גרוס איז אויפגענומען געוואָרן. — דעם ברודערס צוויי קינדער. — אַ שטילע פאַמיליע־דראַמע וואָס האָט זיך אָנגעהויבן שלעכט און גוט פאַרענדיקט.

מיינער אַ גאָר נאָענטער פריינד אין ניו־יאָרק, ווען ער האָט אויסגעפונען אַז איך קלייב זיך זיין אין סאָוועט־רוסלאַנד, האָט מיר דערציילט אַז ער האָט דאָרטן אַ ברודער און ער האָט פון אים ניט געהערט שוין אַ סך יאָרן. ער האָט מיר געגעבן דעם אַדרעס פון ברודער און געבעטן אַז, אויב עס וועט מיר נאָר מעגלעך זיין, זאָל איך אים באַזוכן.

אַזוי ווי קיין טעלעפאָן האָט דער ברודער אין רוסלאַנד ניט געהאַט, האָב איך איין טאָג גענומען אַ טעקסי צו פאָרן צו אים. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ער וואוינט עק שטאָט, און דער שאָפער האָט געמוזט עטלעכע מאָל זיך נאָכפרעגן ווי אַזוי צו פאָרן. אין אַ פאַרוואָרפענער געגנט, ווייט פון צענטער פון שטאָט, זיינען געשטאַנען אַ ריי הייזער. אין איינעם פון זיי האָט געוואוינט דער ברודער. עס האָט זיך איבערגעחזרט די געוויינטלעכע סצענע: פון אַלע טירן האָבן שכנים אַרויסגעשטעקט די קעפּ, געוויינטלעך גויאישע שכנים. פון איין טיר איז אַרויסגעקומען אַ נידעריקער, פולער מאַן און מיך געפרעגט צו וואָס איך דאַרף אים. איך האָב אים געזאָגט אַז איך ברענג אים אַ גרוס פון זיין ברודער אין ניו־יאָרק.

ער האָט מיך אַריינגענומען צו זיך אין צימער. אַ קליין, זויבער צימער צעטיילט מיט אַ פֿאָרהאַנג אין צוויי. ער האָט מיר דער־קלערט אַז הינטערן פֿאָרהאַנג שלאָפֿט זיין טאָכטער. עס טוט איר ווי דער קאָפּ.

איך האָב אים געדאַרפֿט געניי דערציילן וועגן ווער איך בין, ווי אַזוי איך קען זיין ברודער. עס ווייזט זיך אַרויס אַז ער האָט מיט 55 יאָר צוריק געלעבט אין ניו־יאָרק, אָבער ער האָט באַשלאָסן זיך אומקערן קיין רוסלאַנד. אַמעריקע איז אים ניט געפֿעלן.

— איר ווייסט — זאָגט ער מיר — ביי אייך אין אַמעריקע איז יידן גאָרניט אַזוי גוט. איך בין דאָך דאָרטן געווען מיט 55 יאָר צוריק, געדענק איך ווי מען פֿלעגט אויף די ניו־יאָרקער גאַסן רייסן ביי יידן די בערד.

— אָ — זאָג איך — איך האָב געהערט וועגן דעם. דאָס איז דאָך אָבער געווען מיט אַ סך יאָרן צוריק. דאָס האָבן געטאָן די אירלענדער (איירישע). היינט קענען אַזעלכע זאַכן ניט פֿאָרקומען.

— איך געדענק — דערמאָנט ער זיך — די פֿינצטערע טענע־מענט־הייזער, די לאַנגע אַרבעט־שעהן.

— אויך דאָס איז מער ניטאָ — ענטפֿער איך אים — מען אַרבעט ניט מער ווי 40 שעה אַ וואָך. שבת און זונטיק איז מען פֿריי. דער אַרבעטער וואוינט היינט אין גערוימע וואוינונגען, אַ סך האָבן אייגענע פּריוואַטע הייזער.

— נאָר — זאָג איך אים — בעסער דערציילט מיר וועגן זיך, ווי עס לעבט זיך אייך און אייערע קינדער. אייער ברודער אין אַמעריקע וועט זיין פֿאַראינטערעסירט אין אַלע איינצלהייטן.

ווען ער האָט מיר אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן זיינע קינדער, האָב איך אַרויסגענומען מיין נאָטיץ־ביכל צו פֿאַרשרייבן. ער האָט זיך באַלד דערשראָקן און מיר געזאָגט:

— ניין, פֿאַרשרייבט גאָרניט.

איך האָב אים ביסלעכווייז באַרואיקט ער זאָל ניט מורא האָבן.

— מיינע נאָטיצן — האָב איך אים געזאָגט — וועלן צו קיינעם ניט אַריינפֿאַלן. ביי דער גרענעץ זוכט מען ניט אין די קעשענעס. אַחוץ דעם וועל איך זיי שפּעטער צערייסן.

ווען איך האָב געזען אַז ער איז נאָך אַלץ אומרואיק, האָב איך דאָס נאָטיץ־ביכל אַרייַנגעלייגט אין קעשענע. פּלוצעם קומט אַרויס פון הינטער דעם פאַרהאַנג אַ שיינע, יונגע בלאָנדע מיידל, גייט צו צום פאָטער און זאָגט אין אַ גוטן יידיש:

— פּאַפּאַ רעד גאָרניט, דערצייל גאָרניט.

דערנאָך דרייט זי זיך אום צו מיר און מיין פרוי וואָס איז געווען מיט מיר, און נעמט רעדן אַן אויפגערעגטע:

— אין אונדזער לאַנד איז ניטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם. יידן זיינען דאָ גלייך מיט אַלעמען. אונדז פעלט גאָרניט, מיר דאַרפן גאָרניט. מישט זיך ניט אַריין אין אונדזער לעבן.

— ס׳איז אמת וואָס מיין טאָכטער זאָגט — האָט דער פאָטער צוגעגעבן. אָבער די טרערן וואָס האָבן אים גענומען שטיקן האָבן דערציילט עפּעס אַנדערש.

מיר און מיין פרוי איז געוואָרן ניט אָנגענעם זיך צו פאַרהאַלטן אין דער שטוב. האָבן מיר זיך אויפגעהויבן אַוועקצוגיין.

אָבער איידער מיר האָבן די שטוב פאַרלאָזן, האָב איך מיך געווענדט צום פאָטער און אים געזאָגט:

— אייער ברודער האָט געוואָלט אייך שיקן אַ מתנה, ער האָט ניט געוואוסט אין וואָס איר נייטיקט זיך. אייער ברודער וועט זיין גליקלעך, ווען איך וועל אייך איבערלאָזן אַ ביסל געלט.

— מיר דאַרפן גאָרניט, מיר האָבן אַלץ — האָט זיך ווידער אַריינגעמישט די טאָכטער.

— דאָך, — זאָג איך צום פאָטער — אויב איר וועט בייטן אייער מיינונג, קומט צו מיר אין האָטעל.

דער געדאַנק האָט אים גאָר דערשראָקן.

— וואָס הייסט — זאָגט ער — איך זאָל קומען צו אייך אין האָטעל! נאָר דאָס פעלט מיר!

— נו, פאַרפאַלן — ענטפער איך — וועל איך איבערגעבן אייער ברודער אַז איר זייט אַלע געזונט און אַז עס גייט אייך גוט.

ווען מיר נעמען אַרויסגיין, גייט אונדז נאָך דער פאָטער און זאָגט צו אונדז מיט אַ געבעט:

— קומט נאָך אַמאָל, קומט פּאַרנאַכט ווען דער זון וועט זיין אין דעם היים. אַנטשולדיקט דער טאַכטער, עס טוט איר ווי דער קאָפּ.

מיר זיינען אַוועק און געווען זיכער אַז מיר וועלן מיט דער משפּחה זיך שוין מער ניט טרעפן. אויסגעלאָזט האָט זיך אַנדערש.

***

אויפן צווייטן טאָג — דאָס איז געווען דינסטיק, ווען מיר זיינען נאָך שעהן וואַנדערן איבער די גאַסן, שפּעט צוריקגעקומען אין האָטעל, האָט די פרוי וואָס גיט אַכטונג אויף די שליסלען (אַגב, אַ זייער סימפּאַטישע רוסישע פרוי) אונדז געזאָגט אַז פּאַרנאַכט האָבן אונדז געזוכט אין האָטעל אַ יונגער מאַן און אַ יונגע מיידל. די מיידל האָט איר דערציילט אַז איך בין נעכטן געווען ביי איר אין שטוב און זי איז געווען ניט פריינדלעך צו מיר, איז זי געקומען זיך אַנטשולדיקן. זי האָט יענעם אָוונט געליטן פון אַ שטאַרקן קאָפּ-ווייטיק.

מיטוואָך, ווען איך בין ווידער געקומען שפּעט אין האָטעל, דערציילט מיר די פרוי וואָס פירט דעם עלעוויטאָר, אַז אַן עלטערער מאַן האָט מיך געזוכט. ער האָט אַ לאַנגע צייט געוואַרט אויף מיר. האָב איך מיר אָנגעשטויסן אַז דאָס האָט געמוזט זיין מיין פריינדס ברודער, וואָס זיין טאָכטער איז געווען אַזוי קריגעריש צו מיר.

מיין פרוי און איך האָבן באַשלאָסן אַז מאָרגן, דאָנערשטיק, פאָרן מיר ווידער צו זיי. עס זעט אויס אַז די גאַנצע פאַמיליע האָט חרטה אויף דער האַנדלונג פון דער טאָכטער און עס וועט זיי ווי טאָן, ווען מיר וועלן אַוועקפאָרן און זיי ניט זען נאָך אַ מאָל.

דאָנערשטיק פּאַרנאַכט באַשטעלן מיר אַ טעקסי, און ווען מיר זיינען שוין געווען גרייט צו גיין, קלאַפּט מען אָן אין אונדזער האָטעל-צימער און עס קומט אַריין דער פאָטער מיט דער טאָכטער און אַ זון. דעם פאָטער האָב איך ניט דערקענט. ער איז ניט געווען מער דער צעבראָכענער מענטש וועמען איך האָב געזען מיט אַ פּאָר טעג צוריק. ער האָט אויסגעזען אַ סך יינגער. ער איז געווען אָנגעטאָן ווי מען זאָגט „אין עסיק און אין האָניק". ער האָט געטראָגן אַן

אָנצוג פון די אַלטע, גוטע צייטן. ווער ווייס וויפל מאָל דער אַלטער האָט אין זיין לעבן געטראָגן אָט דעם אָנצוג. זיין פּנים האָט געשיינט פון פרייד. מען האָט געזען אַז עס איז פאַר אים אַ יום־טובדיקער מאָמענט, און צו דער זעלביקער צייט לעבט ער אויך אַ סך איבער. אויך די טאָכטער איז געווען אָנגעטאָן אין איר בעסטן קלייד. דער זון — אַ הויכער יונגערמאַן מיט אַ קודלאַטן קאָפּ האָר — האָט געטראָגן אַן אָפענע, ווייסע העמד.

זייער פרייד און יום־טובדיקייט האָבן אָנגעשטעקט מיך און מיין פרוי.

— איך האָב געבראַכט — זאָגט דער פאָטער — אַ מתּנה מיין ברודער.

ער נעמט אַרויס אַ שיין סיגאַרעטן־קעסטל און ווייזט עס מיר. דער מין קעסטעלעך זיינען אַ טייל פון דער רוסישער פאָלקס־קונסט. זיי ווערן פאַבריצירט נאָר אין רוסלאַנד. אויף יעדן דעקל איז פאַראַן אַן אילוסטראַציע, געמאָלן מיט דער האַנט, צו אַ רוסישער פאָלקס־מעשׂה.

— און איצט — זאָגט ער — וועל איך אָנשרייבן אַ בריוו מיין ברודער. ער נעמט אַרויס פון קעשענע אַ בייגעלע פּאַפּיר און נעמט שרייבן מיט גרויס פייערלעכקייט. אָבער באַלד נעמען אים רינען טרערן פון די אויגן.

דער זון און טאָכטער ווייזן אַרויס גרויס דרך־ארץ דעם טאַטן. מיר אַלע פילן אַז דער אַלטער לעבט אין דעם מאָמענט אַ סך איבער.

אָנגעשריבן דאָס בריוועלע לייגט ער עס אַריין אין קעסטעלע און גיט עס מיר איבער.

— ווי באַלד אַזוי — זאָג איך — איז אפשר וועט איר אָננעמען דאָס געלט, וואָס איך וועל אייך געבן ווי אַ מתּנה פון אייער ברודער?

— גוט — ענטפערן דער פאָטער און די טאָכטער אין איין קול — מיר וועלן דאָס געלט נעמען, אָבער איר דאַרפט אונדז געבן ניט קיין אַמעריקאַנער, נאָר רוסיש געלט.

איך פאַרלאָז אויף גיך דאָס האָטעל־צימער און לויף אין אינ־טוריסט־אָפיס אויסבייטן דאָס געלט. ס'איז שוין געווען נאָך די

אַרבעט־שעהן, און איך געפין דעם אָפיס פון קאַסירער פאַרמאַכט. גיי איך צוריק אַן אַנטוישטער.

איך קום אַריין אין האָטעל־צימער און זע אַן אויסטערליש בילד: אַלע זיצן אַרום טיש, מיין פרוי שטייט אין מיטן און פּאַקט אַ פּעקל פאַר אונדזערע געסט מיטצונעמען: ניילאָן פרויען־זאָקן, מענער־העמדער, פרויען־בלוזעס, נאַכט־העמדער. איך זע דאָס, לייג איך צו פּעקלעך אַמעריקאַנער סיגאַרעטן, ראַזיר־מעסערלעך.

איך פיל אַז אונדזערע הערצער קלאַפּן צוזאַמען מיט אַ געפיל פון ברידערלעכקייט, פון כל ישראל חברים. יידן האָבן זיך דער־קענט. עס ציען זיך וואַרעמע שטראַלן פון איינעם צום צווייטן. מיר פילן זיי אין אונדזער נשמה.

אויף דעם טיש ליגט ניט קיין ווייסער טישטעך, עס שטייט ניט קיין כיבוד, נאָר ער איז אַ יום־טובדיקער, אַ שבתדיקער. מיר זיצן און שפּאַסן און פרייען זיך איינער מיט דעם אַנדערן. מיין פרוי שטייט אין מיטן מיט אַ גליקלעך פּנים, — איך וואָלט געזאָגט פול מיט פרייד אַז זי האָט געהאַט דאָס מזל צו טאָן אַ גוטע טאַט.

דער זון רעדט אַ געבראָכענעם יידיש. ער וויל אָבער ניט רעדן קיין רוסיש.

— ס'איז מיר ליב היינט צו רעדן יידיש — זאָגט ער.

מיר מיידן אויס צו באַרירן מיט אונדזערע געסט וועלכע ניט איז פּראָבלעמען. מיר ווילן ניט שטערן די שמחה.

די טאָכטער ווענדעט זיך צו מיין פרוי און זאָגט:

— ווי אַזוי זייט איר געקומען אין רוסלאַנד?

מיין פרוי דערציילט איר אַז מיר זיינען געווען אין נאָך לענ־דער; מיר זיינען אויך געווען ביי אונדזערע קרובים אין פראַנקרייך און אויך אין ישראל.

דער אַלטער איז געוואָרן געשפּאַנט און אויסגערופן:

— אוי, וואָס פאַר אַ פרייד עס מוז זיין צו זיין אין ישראל, צו גיין אויף יידישער ערד, צו לעבן רואיק, אָן מורא פאַר דעם גוי און פאַר גזירות!

דערמאָנען מיר זיך, אַז ווען מיר זיינען געווען אין ישראל האָט אַ הענדלערקע אין באר־שבע אונדז געבעטן מיר זאָלן איר

געבן עפּעס פֿאַרדינען, און זי האָט אונדז פֿאַרקויפֿט אַ פּלעשעלע ארץ־ישׂראל ערד. מיר נעמען עס אַרויס און גיבן עס דעם אַלטן. ער האָט עס געדריקט צום האַרצן ווי דעם טייערסטן אוצר.

די טאָכטער ווידער האָט מיט אַ געוויסן טרויער אונדז געזאָגט:

— איר ווייסט, אויך איך, אויב איך וויל נאָר, קען מאַכן אַ רייזע.

— וואוהין? — פֿרעגן מיר זי.

— אַ — ענטפֿערט זי — איך קען פֿאָרן קיין רומעניע, טשע־כאָסלאָוואַקיע, אויך קיין פּוילן.

איך זע, אַז דער זון האַלט אַ בוך אין דער האַנט. פֿרעג איך אים:

— איר קומט פֿון דער אַרבעט, אָדער איר זייט נאָך אַ סטו־דענט?

— ניין, — ענטפֿערט ער מיר — איך אַרבעט, אָבער איך לערן זיך ווייטער. ווייסן איז דער איינציקער וועג צו שטייגן, מער צו פֿאַרדינען, באַזונדער פֿאַר אונדז ייִדן.

— יאָ — זאָג איך אים — אויך ביי אונדז אין אַמעריקע זוכט יעדער איינער זיך צו פֿאַרפֿולקומען אין זיין בילדונג. מען קען יעמאָלט אויך מער דערגרייכן.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך באַמערקן, אַז אין רוסלאַנד לייענט מען אַ סך. איר זעט עס אומעטום וואו איר גייט: אין פּאַרק, אין סאָבוועי, אין באַס. דער עיקר, די בוכהאַנדלונגען זיינען איבער־געפּאַקט מיט קונים. איך האָב באַמערקט, גייענדיק איבער די בוכ־געשעפֿטן, אַז מען קויפֿט אַ סך ביכער אויף צו לערנען זיך שפּראַכן, באַזונדער ענגליש.

מיר זיינען זיך פֿונאַנאַנדערגעגאַנגען מיט דער משפּחה ווי אַלטע, גוטע פֿריינד. איך בין זיכער אַז ביי ביידן איז געווען אַ פֿאַרדרוס וואָס מיר וועלן מער זיך ניט זען.

ביים געזעגענען זיך האָבן זיי עטלעכע מאָל איבערגעחזרט:

— זאָל דער ברודער זיך ניט זאָרגן וועגן אונדז; אונדז פֿעלט דאָ גאָרניט, און עס געשעעט אונדז ניט קיין שלעכטס.

אויף מאָרגן איז די טאָכטער ווידער געקומען צו אונדז אין האָטעל. זי האָט געבראַכט אַ שיינע מתנה פאַר מיין פרוי, אויך אַ קעסטעלע, און איך האָב איר איבערגעגעבן דאָס געלט — די מתנה פון דעם אָנקל.

***

אָט אין דעם אינצידענט מיט דער משפחה האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ טראַגיש ווינקל אין דעם לעבן פון דעם יידישן יחיד און יידישן כלל אין סאָוועט־רוסלאַנד.

אַ וועלט מיט בענקשאַפט האָט זיך אָנגעקליבן ביי דעם יידן צו זיינע אייגענע אין אַמעריקע. ער האָט וועגן זיי מסתמא ניט איין מאָל געטראַכט אין מאָמענטן פון פיין און אין מאָמענטן פון פרייד. אָבער אין די אַלע יאָרן האָט ער מורא צו שרייבן זיינע אייגענע און צו קריגן פון זיי בריוו. איז געקומען אַ שליח און אים געבראַכט אַ נאָענטן גרוס. אָבער עס ציטערט ביי אים און זיין קינד די האַנט דעם גרוס אָנצונעמען.

די בענקשאַפט האָט סוף־כל־סוף איבערגעוואויגן די מורא ביי אים און ביי דער טאָכטער. אָדער אפשר האָבן די קינדער ניט געקענט צוזען דעם טאַטנס צער.

***

עס איז דאָס ע ר ש ט ע און א י י נ צ י ק ע מאָל אין דער יידישער געשיכטע ווען אַ גרויסער, גאַר גרויסער יידישער קיבוץ איז אָפּגעריסן פון דעם יידישן וועלט־ציבור. אין די פינצטערסטע צייטן פון יידישן גלות פלעגן דאָך קומען שליחים פון איין יידישן קיבוץ צו אַ צווייטן. יידן איבער דער וועלט זיינען געווען גייסטיק פאַרבונדן. כל ישראל חברים. יידן איבער דער וועלט זיינען זיך געקומען איינער דעם אַנדערן צו הילף. אָבער איצט האָבן מיר אַ פאַל, ווען אַ דריי־מיליאָנעדיקן יידישן ישוב איז פאַרווערט צו זיין אין פאַרבינדונג מיט יידן איבער דער וועלט, מיט אַ יידישער מדינה. אפילו דאָס וועלן אַליין צו זיין פאַרבונדן מיט אַנדערע יידן, אפילו דער געדאַנק אַליין, ווערט באַטראַכט ווי אַ פאַרברעכן, שטעמפּלט דעם יידן ווי אַ פאַררעטער צו זיין לאַנד. קען דען זיין אַ גרעסערע אכזריות?!

קאַפּיטל צען

פרייטאָג־צו־נאַכט ביי אַ יידישער משפּחה אין מאָסקווע

אַ רייזע אין סאָבווע. — אַרום אַ געדעקטן טיש ביי בערלען אין שטוב. — זיין שוואָגער מענדל — בערל רעדט און מענדל שווייגט. — מיינונגען וועגן אַמעריקע און רוסלאַנד. — די „יידישע געטאָ" וואָס רופט זיך ברוקלין. — אַמעריקאַנער יידן ביים דאַווענען אין שול.

די משפּחה וועגן וועלכער איך האָב דערציילט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל האָט זיך ניט אויסבאַהאַלטן פון מיר. מיר האָבן זיך באַגעגנט.

איין טאָג קלינגט דער טעלעפאָן אין מיין האָטעל־צימער און אַ שטים אויף דער צווייטער זייט לאָזט מיר וויסן, אַז עס רעדט דער שוואָגער פון מיין באַקאַנטער פרוי אין ניו־יאָרק. ער וואַרט אויף מיר אונטן. איך בין באַלד אַראָפּגעפאָרן און געטראָפן אַ מאַן אין די זעכציקער. דאָס איז געווען דער וואָס האָט געוואָלט אַז זיינע קינדער זאָלן שטעלן אַ חופה אין שול כאָטש ער איז אַ קאָמוניסט.

ער איז געווען זייער האַפּערדיק. ער האָט מיר געלאָזט וויסן אַז די גאַנצע משפּחה וויל זיך מיט מיר טרעפן און מיינט ניט, — זאָגט ער — אַז מיר שרעקן זיך.

אויף דער פראַגע:

— אויב אַזוי, איז פאַרוואָס קאָרעספּאָנדירט איר ניט דירעקט מיט אייערע קרובים אין ניו־יאָרק? — האָט ער מיר געענטפערט

אַז זיי געפינען זיך ניט אַלע אויף איין אָרט, זיי האַלטן אין איין אַרומוואַנדערן. דעריבער איז די פרוי, וואָס אויף איר נאָמען קומען אָן די בריוו, פאַר זיי אַ שטענדיקער אַדרעס. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דאָס איז געווען נאָר אַ תירוץ. ער האָט מיר געזאָגט אַז אין האָטעל קען ער זיך ניט לאַנג אויפהאַלטן און אַז ער איז אייגנטלעך געקומען צו פאַרבעטן מיין פרוי און מיך צו אים אין שטוב, מיר זאָלן צו אים קומען מאָרגן, פרייטיק.

— איר וועט טרעפן די גאַנצע משפּחה — האָט ער געזאָגט — און איר וועט אויך זען ווי מיר לעבן. איך פאַרזיכער אייך גאָרניט שלעכט.

זיין טאָן איז געווען אַ זיכערער און זיין גאַנצער אופן האַלטן זיך אַ צופרידענער.

אויף מאָרגן איז ער געקומען צו דער באַשטימטער צייט און מיר האָבן אים באַגעגענט אונטן אין וואַרט-צימער (לאַבי). אין דער האַנט האָט ער געטראָגן זייער פאָרזיכטיק אַ גרויס קעסטל פון אַ בעקעריי.

מיר האָבן אים געזאָגט אַז אַזוי ווי עס איז פרייטיק, וואָלטן מיר אין אָוונט געוואָלט גיין אין שול. ער האָט אונדז באַרואיקט מיר זאָלן זיך ניט זאָרגן. אויב נייטיק וועט ער אונדז פירן אין שול.

איך האָב אים דערציילט אַז אַ גאַנצן טאָג פּרואוו איך קריגן אַ געוויסן נומער אויפן טעלעפאָן און קען זיך ניט דערשלאָגן. אפשר קען ער מיר העלפן.

— ביי אונדז אין אַמעריקע, — זאָג איך אים — איז אין יעדער האָטעל-לאַבי פאַראַן אַ טעלעפאָן. דאָ קען איך ניט געפינען. איז אפשר וועט איר אַרויפקומען צו מיר אין צימער מיר העלפן טעלע־פאָנירן?

— וואָס רעדט איר? — ענטפערט ער — אַלץ וואָס עס איז דאָ ביי אייך איז דאָ ביי אונדז.

— ער האָט גענומען לויפן איבער דער לאַבי זוכן אַ טעלעפאָן, און האָט נאָך לאַנגע זוכענישן געפונען איין טעלעפאָן, ערגעץ פאַר־שטעקט אין אַ ווינקל.

— איר זעט, — האָט ער געזאָגט מיט גדולה — אָט איז אַ טעלעפאָן. ער האָט מיר אויך באַלד געקראָגן די נייטיקע פאַר־בינדונג. זיין פנים האָט געשטראַלט פון פרייד און ווי גערעדט צו מיר:

— איר זעט, מיר זיינען אַזעלכע יחסנים ווי איר.

נאָך דעם ווי איך בין פאַרטיק געוואָרן מיט דעם טעלעפאָן־געשפרעך, זאָגט ער מיר:

— איצט וועל א י ך נעמען אַ טעקסי און מיר וועלן פאָרן צו מיר אַהיים, וואו די גאַנצע משפחה וואַרט אויף אייך.

איינע פון די שווערסטע זאַכן איז אין אַ רוסישער גרויסער שטאָט צו קריגן אַ טעקסי. דאָרטן קען מען ניט אָפּשטעלן אַ טעקסי אין מיטן גאַס, מען מוז צוגיין צו ספּעציעלע טעקסי־סטאַנציעס און שטיין אין אַ ריי ביז מען קריגט אַ טעקסי. מען קען אָפט אָפּ־שטיין אַזוי לאַנגע שעהן און קיין טעקסי ניט קריגן. אָפט וועט אַ טעקסי־דרייווער פאַרביילאָזן אַ רוס און גיכער אַריינגעמען אַן אַמעריקאַנער, ווייל ער איז זיכער אַז ער וועט קריגן טרינקגעלט (אַ טיפּ). אַגב, איז אַן אויסגעטראַכטע מעשה אַז אין סאָוועט־רוסלאַנד נעמט מען ניט קיין טיפּס. אין האָטעלן, רעסטאָ־ראַנען און אַנדערע ערטער וואַרטן אויף דעם טיפּ, אויב ניט קיין אויסגעשטרעקטע הענט, איז אויסגעשטעלטע, בעטנדיקע אויגן.

די טעקסי־סטאַנציע, צו וועלכער מיר זיינען צוגעקומען, איז גראָד געווען לעבן אַ סטאַנציע פון דער מעטראָ (סאָבוועי). איך זע אַז די ריי איז אַ לאַנגע, און קיין טעקסי זעט זיך אַפילו ניט פון וויטן. זאָג איך צו דעם יידן:

— איר ווייסט, לאָמיר בעסער נעמען די מעטראָ. מיר זיינען מיט איר נאָך ניט געפאָרן.

דערהערט דאָס, האָט ער זיך צעשטראַלט פון פרייד:

— אָט — זאָגט ער — וועל איך אייך ווייזן עפּעס אַזוינס וואָס איר אין ניו־יאָרק פאַרמאָגט זיכער ניט. קיין לאַנד האָט ניט אַזאַ מעטראָ ווי מיר האָבן.

מיר זיינען אַריין אין מעטראָ. דער ייד איז געווען גערעכט, אַזוינס האָבן מיר אין קיין אַנדער לאַנד ניט געזען. מיר זיינען

אַרויס אויף עטלעכע סטאַנציעס כדי אונדזער פריינד זאָל אונדז קענען ווייזן די וואונדער פון יעדער סטאַנציע. ער האָט דערציילט וויפל מיליאָנען עס האָט אָפּגעקאָסט בויען די מעטראָ, וועגן די באַרימטע אינזשינערן און אַרכיטעקטן וואָס האָבן זיך ביי דעם באַשעפטיקט, פון וועלכע געגנטן מען האָט געבראַכט דעם מאַרמאָר און וועלכע סקולפּטאָרן און מאָלערס באַשיינען מיט זייערע שאַפונגען די ווענט פון די סטאַנציעס.

ער האָט גערעדט וועגן דעם מיט אַזאַ שטאָלץ ווי דער אַמאָליקער אַרענדאַר וואָס פלעגט פירן ווייזן דאָס רייכטום פון דעם פּריצעס מאַיאָנטעק און זיך גרייסן מיט דעם, כאָטש ער האָט געוואוסט אַז אַ ליאַדע טאָג קען דער פּריץ אים פאַרטרייבן. איך וויים נים, צי אונדזער פריינד האָט געהאַט דאָס זעלביקע געפיל, נאָר אויפגעפירט האָט ער זיך פונקט ווי די מעטראָ וואָלט געווען זיינס. יעדע באַוועגונג זיינע האָט געזאָגט:

— איר זעט ווי רייך מיר זיינען!

אַרויס פון דער מעטראָ, האָבן מיר געדאַרפט נאָך גיין עטלעכע גאַסן. אויפן וועג האָבן מיר באַגעגנט אַ פרוי וואָס פאַרקויפט בלומען. האָבן מיר געקויפט אַ בוקעט בלומען. לעבן דער פרוי איז געשטאַנען אַ צווייטע פרוי מיט בלומען. האָט זי זיך געבעטן ביי אונדז:

— קויפט אויך ביי מיר.

איך האָב געטראַכט:

— מיט וואָס איז עס אַנדערש ווי אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער? אפשר מיט דעם וואָס אין אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, נעמט די אָרעמע בלומען־פאַרקויפערין דעם גאַנצן פאַרדינסט פאַר זיך און דאָ — אין דעם סאָציאַליסטישן לאַנד — מוז זי זיך טיילן מיט דער מלוכה?

אונדזער פריינד — לאָמיר אים רופן בערל — האָט אונדז אַריינגעפירט אין זיין דירה וואָס איז באַשטאַנען פון איין קאַמער. די שטוב איז געווען אויסגעפּוצט לכבוד די געסט. אויפן טיש איז געלעגן אַ טישטעך און עס זיינען געשטאַנען שיינע בלומען.

מיר האָבן געטראָפֿן בערלס ווייב — די שוועסטער פֿון אונדזער באַקאַנטע אין ניו־יאָרק; איר ברודער מענדל און זיין פֿרוי.

די באַלעבאָסטע, בערלס ווייב, האָט אָנגעגרייט אויפֿן טיש אַ גרויסן קוכן, קענדי, עפּל, טעלער, גלעזער, זילבערנע גאָפּל און מעסער און וויין.

— איר זעט — האָט בערל געזאָגט — מיר האָבן אַלץ!

מיר האָבן געטרונקען לחיים וואָס יידן טרעפֿן זיך און אויך אַ לחיים צו דער משפחה אין ניו־יאָרק.

עס האָט גראָד אַזוי זיך געמאַכט, אַז בערל מיט מיין פֿרוי זיינען געזעסן אויף איין זייט טיש און איך מיט מענדלען אויף דער צווייטער זייט. צווישן אונדז זיינען געזעסן די פֿרויען פֿון בערלען און מענדלען. אָפֿט זיינען פֿאָרגעקומען באַזונדערע געשפּרעכן צווישן ביידע גרופּעס.

איך האָב זיי געדאַרפֿט דערציילן אַלע איינצלהייטן וועגן דער משפּחה אין ניו־יאָרק, ניט נאָר וועגן די קינדער נאָר אויך וועגן די אייניקלעך. מען האָט אויסגעשטעלט מויל און אויערן, ווייל אַלץ וואָס מיר האָבן זיי דערציילט ווי אַזוי מענטשן לעבן אין אַמעריקע, האָט זיי אויסגעזען ווי אַ גרויס וואונדער.

עס האָט זיי אויך אינטערעסירט צו וויסן, צי די יונגע דורות אין אַמעריקע אָנערקענען זיך ווי יידן.

איך האָב זיי דערציילט אַז די מערהייט יונגע יידן ווילן זיך אידענטיפֿיצירן ווי יידן. מען שליסט זיך אָן אָן דער סינאַגאָגע, מען גיט די קינדער אַ יידישע דערציאונג. אַ סך ווילן אויך קענען יידיש און באַמיען זיך צו רעדן יידיש.

— נו, איצט — זאָג איך — לאָמיר הערן ווי עס לעבט זיך יידן אין רוסלאַנד.

— איך וועל אייך זאָגן — ענטפֿערט מענדל — ביי אונדז אין רוסלאַנד איז פֿאַראַן אַ שפּריכוואָרט: אַ קו האָט אַ לאַנגע צונג און קען ניט רעדן, אַ מענטש האָט אַ קורצע צונג און טאָר ניט רעדן. דאָס אַלץ וואָס איך קען אייך זאָגן.

— איך פֿאַרשטיי — באַמערק איך — דאָס שפּריכוואָרט רעדט גענוג.

— ווייסט איר — דערלאַנג איך אַ פרעג מענדלען פאַרבייגייענדיק — אַז סטאַלין האָט אויסגעשאָסן אַלע יידישע שרייבערס?

— מיר האָבן קיין מאָל ניט געהערט, — ענטפערט מענדל.

— מיר האָבן געהערט אַז מען האָט אַרעסטירט בערגעלסאָנען און פעפערן. אָבער וואָס עס איז מיט זיי געוואָרן ווייסן מיר ניט. מיר האָבן אויך געהערט וועגן מיכאָעלס טראַגישן טויט.

דערווייל נעמט בערל אויף דער צווייטער זייט טיש זיך באַרימען פאַר מיין פרוי ווי וואויל עס איז אין סאָוועט־רוסלאַנד.

— דאָ — זאָגט ער — אַרבעט דער אַרבעטער פאַר זיך און ניט פאַר קיין עקספּלוטאַטאָר. יע, עס איז געווען שלעכט אונטער סטאַלינען, אָבער איצט איז פריי, איצט טוט מען אויך דעם יידן ניט קיין שלעכטס.

בערלס רייד רעגן שטאַרק אויף מענדלען:

— הערט זיך ניט צו צו דעם בערל אייזיק, — זאָגט מיר שטיל מענדל.

עמעצער ביים טיש דערלאַנגט אַ פרעג:

— וואָס פאַר אַ מלך איז כרושטשאָוו?

— וועגן טאָטן רעדט מען ניט. מען טאָר ניט, — ענטפערט מענדל.

— איך האָב געהערט — זאָגט בערל — אַז ישראל איז אין אַ מיליטערישן בונד מיט מערב־דייטשלאַנד.

— ניט אמת! — רוף איך אויס.

בערל לאָזט ניט אָפּ.

— וואָס איז אַמעריקע אַזעלכע גוטע ברידער מיט מערב־דייטשלאַנד? וואָס נעמט זי זיך אָן די קריוודע פון מערב־בערלין? וויפיל צרות האָבן די דייטשן אָנגעטאָן דער וועלט. מיר יידן דאַרפן אַוודאי ניט פאַרגעסן.

מישט זיך אַריין מענדל:

— זאָג מיר, אָקערשט, מיין שוואָגער בערל, מיט וואָס זיינען די מזרח־דייטשן בעסער אַז מיט זיי מעג מען זיך חברן? זיי זיינען דאָך אויך ניט געווען קיין הייליקע אין די צייטן פון היטלערן. אויך

זיי האָבן דאָך פאַרגאָסן יידיש בלוט. וויפל יידן האָבן זיי געראַ־טעוועט?

— יענע קען איך ניט, — ענטפערט בערל. לכל הפחות גייען זיי דאָך איצט מיט דעם טייל פון דער וועלט וואָס בויט דעם סאָציאַליזם, וואָס איז פאַר דעם פראָגרעס פון דער מענטשהייט. אין מערב־דייטשלאַנד הערשן דאָך פאַשיסטן וואָס זייער ציל איז צוריק אויפצושטעלן אַ גרויסע, שטאַרקע דייטשישע מלוכה. זיי זוכן דאָך איצט אַ מלחמה.

— אַ מלחמה — זאָג איך — זוכט רוסלאַנד. די סאָוועטישע רעגירונג דאַרף, כדי צו האַלטן דאָס פאָלק אין צוים, כדי עס זאָל פאַרגעסן אָן אייגענע צרות — שטענדיק שרעקן מיט דעם אַז די קאַפּיטאַליסטישע וועלט וויל רוסלאַנד אומברענגען און גרייט זיך צו אַ מלחמה.

איך זע אַז מענדלען געפעלן מיינע רייד.

— אַ דיקטאַטור — גיב איך צו, — נייטיקט זיך אין מלחמה־שרעק כדי זיך צו פילן זיכערער. ווי לאַנג דער שרעק איז דאָ, וועט דאָס פאָלק זיין גרייט אויף אַלץ.

אויך די באַמערקונג מיינע געפעלט מענדלען זייער שטאַרק. נאָר ער שווייגט.

בכלל מערק איך אַז מענדלען רייצט בערלס צופרידנקייט און זיכערקייט. ער קען אויך ניט פאַרטראָגן זיינע שאַבלאָנע, אויס־געלערנטע רייד, זיין האַלטן זיך ביי דער פּאַרטיי־ליניע. ער ווערט דעריבער אַלץ מער צוגעלאָזן צו מיר.

— צווישן יידן ביי אונדז — זאָגט מענדל — קומט פאַר אַ זייער וויכטיקער שטרייט. און איך וויל אַז איר זאָלט דאָס פאַר־ענטפערן, זאָל בערל הערן.

— וועגן וואָס איז דאָס? פרעג איך פאַרוואונדערט.

— מען זאָגט — אַז פאַר די יידן אין ניו־יאָרק איז באַשטימט אַ ספּעציעלע געטאָ. יידן מעגן וואוינען נאָר אין ברוקלין.

מיין פרוי און איך האָב זיך הויך צעלאַכט.

איך פרעג אים:

— זאָגט מיר, זייט איר זייער גליקלעך וואָס איך קומט אויס צו וואוינען צווישן גויים?

— ניין, — ענטפערן ביידע אין איין קול.

— וואָלט איר ניט געווען גליקלעכער, ווען איר קענט וואוינען אין אַ פולער יידישער געגנט?

— זיכער — ענטפערן ווידער ביידע.

—— אָט דאָס איז וואָס עס קומט פאָר אין ניו־יאָרק און אין אַנדערע גרויסע שטעט פון אַמעריקע. יידן האַלטן זיך צוזאַמען, וואוינען אין איין געגנט. קענען זיי אין דער געגנט האָבן זייערע בתי מדרשים, שולן פאַר קינדער און אַנדערע יידישע אינסטיטוציעס. יידישע קינדער האָדעווען זיך צווישן יידן, חברן זיך מיט אַנדערע יידישע קינדער. איז דען ניט גוט אַזוי? — פרעג איך.

— געוויס, געוויס, — הער איך פון אַלע זייטן.

— באַזעצן זיך דעריבער יידן אין איין געגנט, ניט נאָר אין ברוקלין, נאָר אויך אין אַנדערע טיילן פון שטאָט. אַזוי טוען יידן, אַזוי האַנדלען אויך די איטאַליענער, די דייטשן, די נעגערס און אַנדערע פעלקערשאַפטן אין אַמעריקע. דאָס מיינט אָבער ניט, אַז יידן מעגן ניט וואוינען אין אַנדערע טיילן פון שטאָט. עס זיינען פאַראַן אַ סך יידן וואָס וואוינען אין געמישטע געגנטן.

— איר זאָלט וויסן זיין — רעד איך ווייטער — אַז יידן לעבט זיך אין אַמעריקע גוט. זיי שפּילן אויך אַ גרויסע ראָלע אין פּאָליטישן לעבן פון לאַנד. אָט געפינען זיך צוויי מיניסטאָרן יידן אין קענעדיס קאַבינעט.

— אָט דאָס איז אונדזער אומגליק — מאַכט מענדל.

— ווי אַזוי? — רוף איך ווידער אויס אַ פאַרוואונדערטער.

— איר פאַרשטייט — דערקלערט מענדל — מען רעדט ביי אונדז אַז ישראל איז אַן אימפּעריאַליסטישע מדינה. זי וויל פאַרכאַפּן די אַראַבישע לענדער. רוסלאַנד לאָזט ניט. ווירקט ישראל אויף די אַמעריקאַנער יידן זיי זאָלן אויסניצן זייער פּאָליטישן איינפלוס קעגן סאָוועט־רוסלאַנד. אַזוי האָט זיך געשאַפן אַ בונד צווישן ישראל און אַמעריקע; אָן דעם בונד האָט זיך אויך אָנגעשלאָסן דייטשלאַנד צוליב אירע אינטערעסן.

— איר פֿאַרשטייט? — מאַכט צו מיר מענדל מיט אַ שמייכל.
— איך פֿאַרשטיי — ענטפֿער איך.
— און אַז יידן איבער דער וועלט זיינען יד אחת — זעצט מענדל פֿאָר זיין דערקלערונג — אין דעם גלייבן דאָך אַלע אַנטי־סעמיטן. קומט אַזוי אַרום אַוים אַז מיר, די יידן פֿון סאָוועט־רוסלאַנד, זיינען די מיטשולדיקע און מיטבאַטייליקטע אין דער גאַנצער פֿאַרשווערונג. וואָס מער מען נעמט רעדן וועגן מלחמה, וואָס גרעסער עס ווערט די מלחמה־געפֿאַר, אַלץ מער שנאה פֿילן מיר יידן צו זיך.
דאָ מישט זיך אַריין מענדלס פֿרוי און זאָגט:
— איצט פֿאַרשטייט איר פֿאַרוואָס מיר שרעקן זיך אַזוי פֿאַר מלחמה און פֿאַרוואָס די יידן, ווען זיי זעען אַן אַמעריקאַנער, פֿרעגן זיי די ערשטע זאַך: וואָס נעמט זיך אַמעריקע אַזוי אָן פֿאַר בערלין? עס גייט דורך אַ שוידער ווען מיר טוען אַ טראַכט וואָס מיט אונדז יידן קען דאָ געשען, וואָס מען קען דאָ מיט אונדז טאָן... איך וויל עס ניט פֿאַר מיין מויל אַרויסברענגען...
אין אונדזער ווינקל ווערט שטיל.
מיר הערן ווי אויף יענער זייט טיש האָט בערל טענות צו מיין פֿרוי פֿאַרוואָס מען באַהאַנדלט גרוויזאָם די נעגערס אין אַמעריקע.
זי רייסט איבער דעם שמועס און פֿרעגט, צי מען קריגט אין רוסלאַנד כשרע פֿלייש.
מען ענטפֿערט איר אַז דאָס איז אוממעגלעך. עס איז אָבער דאָ אַ שוחט וואָס קוילעט שטילערהייט הינער. דער עיקר עסט מען מילכיקס און פֿיש.
איך דערמאָן, אַז עס איז שוין פֿאַרנאַכטלעך און אַז עס איז שוין צייט צו גיין אין שול. איך פֿרעג דערביי:
— איז די סינאַגאָגע די איינציקע שול ביי אייך אין שטאָט?
מען ענטפֿערט מיר אַז עס זיינען אויך פֿאַראַן עטלעכע מנינים. אָבער זיי זיינען אַלע מאָל אין געפֿאַר אַז מען וועט זיי פֿאַרמאַכן. זייער עקסיסטענץ איז אַ האַלב לעגאַלע. עס הענגט אָפּט אָפּ פֿון שטימונגען אין די רעגירונג־קרייזן.

— און וואָס הערט זיך ביי אייך מיט מילה? — פרעג איך.

— מיט דעם איז גאָר שלעכט — ענטפּערט איינע פון די פרויען. דער מוהל איז תמיד אין געפאַר. אויך די וואָס לאָזן מל זיין דעם יינגל ווערן פאַראורטיילט ווי פינצטערלינגע.

מיר זיינען אַוועק אַלע, אַחוץ בערלס און מענדלס פרויען, אין שול.

בערלס פרוי האָט געהאַט גרויס פאַרדרוס וואָס מיר זיינען ניט פאַרבליבן ביי זיי עסן אָונטבּרויט. זי האָט צוגעגרייט האָט זי געזאָגט אַ שיינעם אמת שבתדיקן מאָלצייט. זי האָט ביי אירע גויאישע שכנים זיך קוים איינגעבעטן אַז זיי זאָלן איר לאָזן ניצן דעם אויוון מיט אַ פּאָר שעה לענגער ווי עס איז איר געקומען. זי האָט אויך פאַרבעטן איר זון צו זיך אויף אָונטבּרויט. זיין פרוי איז גראָד ניטאָ אין שטאָט. און טאַקע, ווען מיר זיינען שוין געווען כמעט ביי דער טיר, איז אַריין דער זון. ער האָט זיך זייער געפרייט אונדז צו זען און האָט ניט אַנדערש ווי געוואָלט רעדן יידיש צו אונדז, כאָטש דער יידיש וואָס ער האָט גערעדט איז געווען זייער אַ צעבראָכענער. די אויסשפּראַך איז געווען מער אַ רוסישע ווי אַ יידישע.

מיר האָבן זיך אָן דעם אָנגעשטויסן עטלעכע מאָל און געפילט אַז די רוסישע יידישע יוגנט וואָלט געוואָלט זיך אומקערן צו יידיש.

ווען מיר זיינען אַרויס אויפן הויף, זיינען עטלעכע גויאישע פרויען געזעסן אויף אַ באַנק. זיי האָבן אונדז נייגעריק באַקוקט פון אַלע זייטן.

— די פרויען — זאָגט צו מיר מענדל — וועלן שוין מאָרגן האַלטן אין איין פרעגן ווער איר זייט און צו וואָס איר זייט געקומען. די גאַנצע גאַס וועט שוין מאָרגן רעדן וועגן די אַמעריקאַנער וואָס זיינען געווען ביי מיין שוועסטער אין שטוב.

אַזוי גייענדיק, זאָג איך צו מענדלען:

— ווי איך זע, איז יידן ביי אייך אין סאָוועט-רוסלאַנד גאָרניט פריילעך. איך האָב געהערט אַז מען זעצט זיי אַראָפּ פון יעדער פאַר־אַנטוואָרטלעכער פּאָזיציע.

לאַכט מענדל און זאָגט:

— וואָס ווילט איר? דערוויל איז דער גרעסטער רוסישער פידל־שפּילער, וואָס מען צאַצקעט זיך מיט אים איבער דער וועלט, דער ייד עסטרייך; דער גרעסטער נאָוועליסט — דער ייד איליאַ ערענבורג, און מען זאָגט אַז דער דערפינדער און פּלאַנירער פון דעם ערשטן רוסישן ספּוטניק איז אויך געווען אַ ייד.

אויך אין שול איז בערל געווען אַ גאַנצער קאָכלעפל. ער האָט מיך אַריינגעפירט צום רב, מיך פאָרגעשטעלט פאַר אַנדערע יידן.

איך האָב געטראַכט: „ווער איז בערל?"...

דעם פרייטיק אָוונט זיינען אין שול געקומען אַ סך אַמעריקאַנער. דאָס זיינען געווען, דער עיקר, די וויסנשאַפטלערס וואָס זיינען געקומען צו דעם קאָנגרעס פון ביאָ־כעמיקערס אין רוסלאַנד. זיי אַלע האָבן זיך באַמיט צו רעדן יידיש. זייער יידיש איז געווען אַ צעבראָכענער, אָבער דאָך יידיש. דאָס האָט געפרייט אַלע יידן אין שול, באַזונדער מיינע פריינד. זיי האָבן געקראָגן מער צוטרויען צו מיר. הייסט עס, אַז איך האָב זיי ניט אָפּגענאַרט. יונגע יידן אין אַמעריקע רעדן יידיש.

***

די לייענערס וועט זיין אינטערעסאַנט צו וויסן, אַז נאָך דעם ווי איך האָב אָפּגעגעבן דער שוועסטער אין ניו־יאָרק אַ גרוס וועגן איר משפּחה אין רוסלאַנד, האָט זי זיי געלאָזט וויסן אַז זי וויל זיי קומען באַזוכן.

דער ענטפער איז געווען זי זאָל עס ניט טאָן. עס דאַרף אַ סך קאָסטן. אַ שאָד אויסצוגעבן דאָס געלט.

דאָס איז געווען אַ קאַפּוליע אָנצוהערעניש אַז די שוועסטער זאָל בעסער זיצן אין דער היים.

זיי האָבן שוין די שוועסטער ניט געזען איבער פערציק יאָר.

קאַפּיטל עלף

וואָס איך האָב געלערנט פון מיין רייזע אין רוסלאַנד

פאַרוואָס איך האָב פאַרלאָזן רוסלאַנד קורץ נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע. — וואָס איך האָב געפילט וועגן איר די גאַנצע יאָרן זינט דעמאָלט. — מיין באַשלוס צו זען מיט די אייגענע אויגן. — אַ פאַרגלייך צווישן רוסלאַנד אונטער די צאַרן און אונטער דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור. — די „וואַנט” אין מאָסקווע צווישן דער נייער אַריסטאָקראַטיע און די אָרעמע פאָלקס־מאַסן. — די גלאָריפיקאַציע פון די אַמאָליקע רוסישע הערשערס. — בילדער און איינדרוקן.

דער איצטיקער און ווייטערדיקער קאַפּיטל זיינען אַ סך־הכל פון די איינדרוקן און געשפּרעכן וואָס איך האָב געהאַט, ווען איך האָב באַזוכט סאָוועט־רוסלאַנד. איך האָב מיר באמת נישט איבער־צוחזרן וואָס איז אַלגעמיין באַקאַנט.

נאָר פריער אַ פּאָר פּערזענלעכע באַמערקונגען. ווי איך האָב שוין געשריבן, האָב איך מיינע גאָר יונגע יאָרן פאַרבראַכט אין רוסלאַנד. דאָרטן האָב איך אויך געקראָגן אַ גרויסן טייל פון מיין בילדונג.

ווען עס איז געקומען די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש האָבן ביסלעכווייז אַ סך קעגנערס פון באָלשעוויזם זיך אָרויפ־געכאַפּט אויף דעם וואָגן פון דעם זיגער. אָבער גאָר אַ סך האָבן

פאַרשטאַנען אַז דער באָלשעוויסטישער זיג וועט ברענגען אומגליק און אונטערדריקונג. מיין לערער אָבער, לאָמיר בעסער זאָגן, מיין רבי איז צו יענער צייט געווען דער בונדישער פירער מאַרק ליבער, וועלכער איז שפּעטער פאַרפּייניקט געוואָרן אין די באָלשעוויסטישע טורמעס. זיין מוטיקער, אומדערשראָקענער קאַמף, פריער, אַז עס זאָל ניט קומען צו דעם זיג פון די באָלשעוויקעס, און שפּעטער קעגן זייער מאַכט, האָט מיך באַגייסטערט. איך האָב אין אים געזען אַ מוטיקן קעמפער פאַר מענטשלעכער פרייהייט און מענטשלעכע רעכט.

אין יאַנואַר 1918 האָבן די באָלשעוויקעס צעטריבן די גרינ־דונגס־פאַרזאַמלונג, וואָס איז דערוויילט געוואָרן דורך דעמאָקראַ־טישע פאָלקס־וואַלן, ווייל זיי האָבן אין איר געהאַט ניט מער ווי אַ פערטל פון אַלע דעפּוטאַטן. ניט נאָר דאָס. ווען עס איז פאָר־געקומען אַ פרידלעכע, ניט־באַוואָפנטע דעמאָנסטראַציע צום גונסטן דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, האָט לענין באַפוילן דער רויטער גוואַרדיע צו שיסן אין די דעמאָנסטראַנטן און עס זיינען געפאַלן קרבנות. איך האָב אין דער דעמאָנסטראַציע זיך באַטייליקט און געזען אַרום זיך געפאַלענע און פאַרוואונדעטע. די דאָזיקע איבער־לעבונג האָט מיך אין גאַנצן דערשיטערט, זי איז פאַרבליבן אויף אייביק איינגעקריצט אין מיין זכרון און מיין נשמה. נאָך דער געשעעניש האָט זיך אָנגעהויבן אַ טעראָר קעגן סאָציאַליסטן און אַנדערש־טראַכטנדיקע. איך האָב דעמאָלט דערזען דאָס אמתע פּנים פון דער סאָוועטישער מאַכט. איך בין דורך פאַרשיידענע אומוועגן אַרויס פון רוסלאַנד אין דער פרייער וועלט. עס איז אָבער ביי מיר פאַרבליבן דער צובונד צו רוסלאַנד און צו דעם סאָציאַליזם. האָב איך דעריבער מיין גאַנץ לעבן זיך אינטערעסירט מיט דעם וואָס עס קומט פאָר אין רוסלאַנד. וואָס מער איך האָב געלייענט און זיך באַקאַנט, אַלץ מער האָב איך מיר איבערצייגט אַז דאָרטן איז אויפ־געקומען אַ טאָטאַליטאַרע מאַכט וואָס האָט קיין שום שייכות ניט מיטן סאָציאַליזם, וואָס האָט מיט אירע מעשים אייגנטלעך פאַר־שוועכט דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל.

ווען עס זיינען אין סאָוועט־רוסלאַנד אויפגעקומען יידישע שולן, אַ יידיש טעאַטער, יידישע פאַרלאַגן, האָט עס מיך ווייניק באַגייסטערט. איך האָב געזען אַז אין תוך האָבן זיי אַ קנאַפּע שייכות מיט יידישער קולטור. איך האָב געזען אין די יעווסעקן ניט מער ווי משרתים פון דער סאָוועטישער דיקטאַטור, משרתים וואָס זיינען גרייט צו יעדער צייט צו פאַרראַטן זייער אייגן פאָלק.

ווען עס האָט געגומען אָנקומען נייעס וועגן אַנטיסעמיטיזם אין רוסלאַנד, ווען עס איז דערגאַנגען די שוידערלעכע נייעס, אַז מען האָט דאָרטן אומגעבראַכט די יידישע שרייבערס — האָב איך אין סאָוועט־רוסלאַנד דערזען ניט נאָר דעם באַגרעבער פון סאָציאַליזם, נאָר אויך פון אַ וועלכן ניט איז יידישן פאָלקס־לעבן אין אָט דעם אומגליקלעכן לאַנד.

ווען דעם פאַרגאַנגענעם זומער האָב איך מיט מיין פרוי באַשלאָסן צו מאַכן אַ רייזע איבער ישראל און אייראָפּע, האָט עמעצער מיר געעצהט אויך צו באַזוכן סאָוועט־רוסלאַנד. איך האָב דעם געדאַנק באַלד אָפּגעוואָרפן. איך וויל אַז דער לייענער זאָל מיך פאַרשטיין: איין זאַך איז צו לייענען און הערן וועגן עפּעס און אַ צווייטע זאַך איז מיטצולעבן, מיטצומאַכן. אַ סך סאָציאַליסטן אין אַמעריקע האָבן נאָר געהערט און געלייענט וועגן דער באָלשעוויס־טישער איבערקערעניש (מען קען עס ניט רופן רעוואָלוציע), איך האָב זי אָבער מיטגעלעבט, מיטגעמאַכט, איך האָב געזען דעם טייוולס פּנים. איך האָב דעריבער געטראַכט, צי וואָס זאָל איך נאָך אַ מאָל אַריינקוקן אין דעם מיאוסן, צעקרימטן פּרצוף?

איך האָב מיר געשוואוירן אַז מיין פוס וועט קיין מאָל ניט אַרויפטרעטן אויפן דייטשישן באָדן. איז פאַרוואָס זאָל איך פאָרן קיין רוסלאַנד וואו מען האָט ביי די יידן דערשטיקט זייער נשמה, וואו יידן לעבן אין מורא? אמת, היטלער איז געווען אַ גוטער תלמיד פון סטאַלינען, ער האָט זיך געלערנט ביי סטאַלינען ווי צו רעגירן דורך מאָרד און ליגן. אָבער ווען עס איז געקומען צו יידן איז דאָך סטאַלין געוואָרן אַ גוטער תלמיד פון היטלערן.

אָבער, האָב איך ווידער געטראַכט, אין רוסלאַנד לעבן דאָך דריי מיליאָן יידן, זיי לעבן אין פיין — איז פאַרוואָס זאָל איך דאָרטן ניט זיין, זען מיט מיינע אויגן ווי זיי לעבן און אפשר וועל איך מיט מיין קומען ברענגען כאָטש צו אַ טייל, צו עטלעכע יידן, אַ געוויסע טרייסט? לאָמיר זען ווי עס לעבן אונדזערע ברידער וואָס מען האָט ביי זיי אויסגעשניטן די צונג. מיינע וואָרצלען שטעקן דאָך אין רוסלאַנד, דאָרטן האָב איך פאַרבראַכט די ערשטע יאָרן פון מיין לעבן. איז לאָמיר זען ווי עס זעט דאָרטן אויס. עס איז דאָך איצט אַן אַנדער רוסלאַנד. איז ווי זעט אויס די אַנדערשקייט?

אַזוי איז אין מיר פאָרגעקומען אַן אינערלעכער קאַמף אַ לאַנגע צייט. האָט זיך גראָד געמאַכט, אַז מיי פרוים עלטערן האָבן באַשלאָסן צו פאָרן קיין רוסלאַנד. איר פאָטער איז געווען אַ רוסישער רעוואָלוציאָנער, ער איז אַנטלאָפן פון סיביר און אָנגעקומען אין אַמעריקע אומגעפער אין יאָר 1910. האָט זיך אים זייער געוואָלט זען ווי אַזוי מען לעבט אין רוסלאַנד. ער האָט אויך געוואָלט זיין אין זיין היימשטאָט. מיין פרוי האָט געוואָלט באַגלייטן אירע עלטערן. איז שוין אַזוי געבליבן אַז מיר האָבן אַריינגענומען רוסלאַנד אין אונדזער רייזע-פּלאַן.

***

איך וויל זאָגן אַז איצט בין איך צופרידן וואָס איך האָב די רייזע געמאַכט, ווייל גאַנץ אַנדערש, ווי געזאָגט, איז צו לייענען און הערן און גאַנץ אַנדערש איז צו זען מיט די אייגענע אויגן.

און דאָס וואָס איך האָב געזען וועל איך ניט אַזוי גיך פאַרגעסן, יאָרן און יאָרן וועל איך עס טראָגן ווי אַ ווייטאָג אין האַרץ.

עס שטייען פאַר מיר ווי לעבעדיקע די יידן וואָס איך האָב באַגעגנט. אַפילו ווען זיי האָבן ניט גערעדט, האָבן זייערע אויגן, זייערע פּנימער, זייער האַנט-דרוק מיר דערציילט אַ סך.

איך האָב פאַר זיך געזען דאָס אומגליקלעכע רוסישע פאָלק, דאָס פאָלק וואָס האָט איבערגעלעבט די ערשטע וועלט-מלחמה, שפּעטער דעם בירגער-קריג און די אומברחמנותדיקע מאָרדן פון די סאָוועטישע הערשערס. דאָס פאָלק ביי וועמען דער הונגער איז

געווען אַן אָפּטער גאַסט, דאָס פאָלק וואָס האָט דורכגעמאַכט די צווייטע וועלט-מלחמה און ווידער הונגער, דאָס פאָלק וואָס איז 43 יאָר געווען איינגעשפּאַנט אין דער שווערער לאַסט פון לעבן, אין שטענדיקער מורא, אָן וועלכער ניט איז פרייד. יאָרן פון שווערן לעבן אונטערן צאַר און באָלשעוויזם האָבן אים געמאַכט פאַר אַ פאַטאַליסטיש פאָלק.

די ערשטע זאַך וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן איז אַז סאָוועט-רוסלאַנד איז אַ לאַנד פון גרויסע קלאַסן-אונטערשיידן. עס איז ווי אַ לייטער מיט העכערע און נידעריקערע שטאַפּלען. וואָס העכער דער שטאַפּל אויף וועלכן איינער שטייט, אַלץ מער איז זיין לוקסוס און וואוילטאָג. אויף די העכסטע שטאַפּלען זיצן די הערשערס, די רעגירערס, די געלערנטע, די גרויסע שרייבערס, די באַרימטע מאָלערס און אַקטיאָרן. זייער צאָל איז קליין. זיי לעבן ווי מיליאָנערן. וואָס נידעריקער איר לאָזט זיך אַראָפּ, אַלץ גרעסער איז די נויט און אָרעמקייט, אַלץ שווערער און ביטערער האָרעוועט דער מענטש פאַר אַ שטיקל אָרעמע ברויט.

מען רעדט איצט אַ סך וועגן דער וואַנט וואָס די קאָמוניסטן האָבן אויפגעבויט אין בערלין, אַ וואַנט וואָס טיילט אָפּ דעם פאַר-שקלאַפטן און אָרעמען טייל פון בערלין פון דעם פרייען און מער פאַרמעגלעכן טייל, אַזוי אַזביידע זאָלן ניט קומען אין באַרירונג. אַזאַ וואַנט, ממש אַ פיזישע, איז אויך פאַראַן אין מאָסקווע. ניט ווייט פון דעם נייעם קעמפּוס פון דעם מאָסקווער אוניווערסיטעט, דאָרטן וואו עס שטייען די נייע, פּרעכטיקע אוניווערסיטעט-געביידעס, אויף דער לינקער זייט, געפינט זיך אַ גרויסע וואַנט. די וואַנט איז שטענדיק שטאַרק באַוואַכט. הינטער איר געפינען זיך די רייכע היימען פון דעם פאַרמעגלעכן הערשנדיקן קלאַס אין רוסלאַנד. זיי זיינען אַרומגערינגלט מיט אַ וואַנט כדי דאָס פשוטע פאָלק זאָל ניט קענען אַריינבליקן אין דעם לעבן פון די פּריווילעגירטע קלאַסן.

ווען אָט די קלאַסן קומען צווישן פאָלק שטעלן זיי זיך אַרויס מיט זייער באַשיידנקייט און איינפאַכקייט. איך האָב זיי געזען אין די רייכע רעסטאָראַנען וואו מען מוז זיין פאַרמעגלעך דאָרט צו עסן.

אָבער מען קומט אָנגעטאָן אין פּשוטע קליידער, אָן קיין שום סימן פון עלעגאַנץ. עס זעט אויס אַז אַן אָפּגעטראָגענער אָנצוג אָדער קלייד איז אַ סימן פון אַן ערלעך און זיטלעך לעבן. ווי מען זאָגט עס ביי יידן: „שיין פּאַר גאָט און פּאַר לייטן". ס'איז דערביי אינ־טערעסאַנט, אַז מען זעט ניט אין רוסלאַנד קיין פרוי מיט אָנט־בלויזטע אָרעמס אָדער אויסגעשניטענע בלוזעס. וועגן אַ טיפן דעקאָלטע איז אָפּגערעדט. אָבער, ווען אין די רייכע רעסטאָראַנען נעמט דער אָרקעסטער שפּילן דזשעז, צעטאַנצט זיך דער עולם מיט אַ ברענענדיקער לײדנשאַפט.

מיר האָבן אויך געזען טאַנצן די טשאַ־טשאַ און די ראַמבאַ.

ס'איז אין סאָוועט־רוסלאַנד ניט פאַרבליבן קיין שום סימן פון אַ סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע. יעדער איינער יאָגט זיך, אפשר נאָך מער ווי אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אַריינצוכאַפּן וואָס מער פאַר זיך, אַרויפצוקלעטערן אויף אַן אַלץ העכערן שטאַפּל פון לעבן. מען טוט דאָס אָן בושה, די מיטלען אינטערעסירן ניט.

אַנטוישט זיינען נאָר די עלטערע דורות, באַזונדער די אַמאָליקע רעוואָלוציאָנערן, די רעשטלעך וואָס זיינען פאַרבליבן לעבן, נאָך סטאַלינס מאָרדן, און וואָס זיינען נאָך ניט אַוועק פון דער וועלט אויף אַ נאַטירלעכן אופן. זיי זעען ווי זייערע אַמאָליקע אידעאַלן זיינען צעטראָטן געוואָרן און ווי עס איז אויפגעקומען אַ שווידער־לעכע, מיאוסע וועלט אויפן אָרט פון זייערע אַמאָליקע חלומות וועגן אַ וועלט פון יושר און גערעכטיקייט.

דער רוס איז פאַרבליבן אונטערטעניק אַזוי ווי אין די אַמאָליקע צאַרישע צייטן. ער איז אין אַלגעמיין פאַטאַליסטיש. ער זאָגט זיך מסתמא אין הארצן: אַזוי איז דער גורל פון מענטשן. פאַרפאַלן. טראָגט ער דעם יאָך פון לעבן.

מיט איין אונטערשיד אין פאַרגלייך מיט אַ מאָל. די רעגירונג ווייזט אים שטענדיק פון ווייטן אַ האָניק־לעקעכל. פאַרשפּרעכט אים גאָלדענע בערג און זאָגט אים:

— וועסטו שווער אַרבעטן, וועסטו עס קריגן, וועט דיר מאָרגן זיין גוט. דעריבער קריגן אַ סך רייזנדע וואָס קומען אין רוסלאַנד

דעם איינדרוק, אַז די רוסן זיינען אַ פֿאָלק מיט אַ ציל און זייער גאַנצער וועזן איז אָנגעשטעלט דעם ציל צו דערגרייכן, צו דעריאָגן.

מען זאָגט אַז אין סאָוועט־רוסלאַנד איז איצט פֿרייער ווי אין סטאַלינס צייטן. אפֿשר איז אַזוי. אָבער ווען איר זייט אין רוסלאַנד פֿילט איר אַז אַלץ נעמט אַרום אַן אייזערנע האַנט און אויף אַלץ קוקט אַ וואַכזאַמע אויג. מען זעט פֿאַר זיך אַ פֿאָלק וואָס טראָגט געדולדיק שווערע אייזערנע קייטן. עס דוכט זיך אַז ער פֿילט זיי אַפֿילו ניט. ער איז צוגעוואוינט צו זיי.

דער וואָס קומט פֿון אַ פֿרייַ לאַנד דערפֿילט באַלד די שטיקנדיקע לופֿט אַרום, דערפֿילט באַלד ווי יעדע איינצלהייט אין מענטשנס לעבן ווערט רעגולירט פֿון אויבן.

מען זעט היינט־צו־טאָג ניט אין רוסלאַנד אין די גאַסן סטאַלינס בילד אָדער סטאַטוע. פֿאַרשוואונדן ווי ניט געווען. אָבער סטאַלין וועט נאָך אַמאָל צוריק ווערן דער גרויסער העלד אין דער רוסישער געשיכטע, דער העלד וואָס האָט געראַטעוועט די רעוואָלוציע און מיט זיין ווילן און ענערגיע פֿאַרוואַנדלט רוסלאַנד פֿון אַן אָפּגע־שטאַנענע לאַנד אין אַן אינדוסטריעל הויך אַנטוויקלט לאַנד. עס איז די טבע פֿון אַ דיקטאַטאָר צו וועלן זיין דער איינציקער, דער איינציק גרויסער. ער קען ניט טיילן די גלאָריע מיט אַ צווייטן דיקטאַטאָר, מעג ער אַפֿילו שוין זיין טויט, וואָס איז נאָענט צו אים אין צייט. האָט דאָך סטאַלין פֿריער פֿאַרשטעלט אַפֿילו דעם פֿאָטער פֿון באָלשעוויזם — לענין. כרושטשאָוס נאָכפֿאָלגער וועט אָבער הים־טאָריש צוריק אויפֿלעבן סטאַלינען, אים רעהאַבילירן, ווער ווייס, אפֿשר אויך זיינע מעטאָדן, פּונקט אַזוי ווי מען האָט רעהאַבילירט די מערהייט רוסישע צאַרן ביז ניקאָלאַי דעם צווייטן און די גרויסע צאַרישע רוסישע גענעראַלן.

באַזונדער ווערן אין די אויגן פֿון פֿאָלק פֿאַרהערלעכט איוואַן דער שרעקלעכער, וועלכער האָט געקיניגט אין 16טן יאָרהונדערט. ער איז געווען דער ערשטער רוסישער צאַר. ער האָט געבראָכן די הערשאַפֿט פֿון די יעמאָלטיקע רוסישע אַדליקע וואָס זיינען געווען באַקאַנט אונטער דעם נאָמען באָיאַרן, געשאַפֿן די רוסישע אימ־

פעריע און אויפגעשטעלט די אַליינהערשאַפט פון דעם צאַר. ער האָט פאַרפייניקט און אויסגעמאָרדעט אַלע זיינע קעגנערס אין די קעלערן פון קרעמל. ווען דער פירער (גאַיד) האָט מיר וועגן דעם דערציילט האָב איך ביי זיך געטראַכט: און אין 20סטן יאָרהונדערט האָט סטאַלין אין די זעלביקע קעלערן פאַרפייניקט זיינע פּערזענלעכע קעגנערס, זיינע אַמאָליקע חברים און מיטקעמפּערס.

ממש אַן אָפּגאָט איז געוואָרן דער צאַר פּיאָטער דער גרויסער, וועלכער האָט געהערשט אין 17טן יאָרהונדערט. וועגן אים זאָגט מען אַז ער האָט געעפנט פאַר רוסלאַנד אַ פענצטער קיין אייראָפּע. ער איז געווען דער וואָס האָט געזוכט צו פאַרוואַנדלען רוסלאַנד פון אַן אַזיאַטיש אין אַן אייראָפּעאיש לאַנד און דער עיקר ער האָט אָנגעהויבן צו אינדוסטריאַליזירן דאָס לאַנד. מען האָט פאַר אים אויפגעשטעלט דענקמעלער און מוזייען וואָס ווייזן יעדע פאַזע פון זיין לעבן.

די גענעראַלן, וואָס זייער אָנדענק ווערט הויך געהאַלטן אין סאָוועטישן רוסלאַנד זיינען סואוואָראָוו, דער וואָס האָט אין דער צייט פון יעקאַטערינע דער גרויסער, אין 18טן יאָרהונדערט, באַזיגט די טערקן, און דער גענעראַל קוטוזאָוו וועלכער האָט אין 1812 באַפרייט רוסלאַנד פון נאַפּאָליאָנס אינוואַזיע.

ביי די אַמאָליקע רעוואָלוציאָנערן, ביי די וואָס האָבן אַוועקגעגעבן זייער לעבן אין קאַמף פאַר רוסלאַנדס פרייהייט זיינען די דערמאָנטע צאַרן און גענעראַלן געווען ניט מער ווי פאַרשקלאַפערס פון אייגענעם פאָלק און באַהערשערס פון פרעמדע פעלקער. יעדע פאָרעם פון אימפּעריאַליזם איז אין זייערע אויגן געווען אַ פאַרברעכן קעגן דער מענטשהייט און פאַר די טרעגערס פון אימפּעריאַליזם האָבן זיי געהאַט נאָר פאַראַכטונג. אָבער היינט, אין דעם כלומרשט סאָציאַליסטישן רוסלאַנד, ווערן די פאַרטרעטערס פון אַמאָליקער צאַרישער מאַכט און גרייסקייט גלאָריפיצירט.

***

צאַריזם איז אין רוסלאַנד טויט. אָבער דער כמעט רעליגיעזער אָפּשיי פאַר ראַיאַליטעט, אָדער פאַר אַ וויטן אָלמעכטיקן און

אַלץ־וויסנדיקן הערשער איז פֿאַרבליבן. זעט מען דעריבער אין מאָסקווע יעדן טאָג אין די גרעסטע היצן (מען זאָגט אויך אין די גרעסטע קעלטן) אַ לאַנגע, שטענדיק זיך באַוועגנדיקע שלאַנג מענטשן ביים מאַזוליי, וואו עס ליגן די באַלזאַמירטע קערפּערס פֿון לענין און סטאַלין.*) צענדליגגער טויזנטער מענטשן קומען יעדן טאָג אַ קוק טאָן אויף די צוויי געשטאָרבענע פֿירערס, וואָס טעאָרעטיש איז זייער ציל געווען אָפּצושאַפֿן יעדן אונטערשייד אין שטאַנד און רייכטום צווישן מענטשן. מען קומט זען ווי זיי ליגן אין אָריענטאַלישן גלאַנץ און פּראַכט.

אין לענינגראַד איז אונדז אויסגעקומען צו זיין אין הערמיטאַזש, אַ קונסט־מוזיי וואָס געפינט זיך אין ווינטער־פּאַלאַץ, דאָס וואוינאָרט פֿון דעם לעצטן צאַר. ווען מיר זיינען געגאַנגען איבער די זאַלן, האָבן מיר דאָרטן געזען רוסישע אינטעליגענטן — אַזוי ווי מיט פערציק־פופציק יאָר צוריק. אויך די רוסישע אַריסטאָקראַטיע, וואָס אַמאָל האָט זי זיך געשטיצט אויף אָפּשטאַם און געלט — היינט אויף פּאָזיציע און געלט — באַזוכט דעם הערמיטאַזש אַזוי ווי אין די אַמאָליקע יאָרן, מיט איבער פערציק יאָר צוריק. היינט באַגעגנט איר אָבער אויך נייע פּנימער, וואָס אַמאָל האָבן זיי ניט געוואָגט אַריבערצוטרעטן די שוועל פֿון הערמיטאַזש. איר זעט אַרומשפּאַצירן איבערן הערמיטאַזש רוסישע אַרבעטער און פּויערים, וואָס מען ברענגט פֿון נאָענט און וויַיט כדי זיי צו ווייזן רוסלאַנדס גרויסקייט. איר זעט זיי אויך אין די מוזייען פֿון קרעמל, וואו איר מוזט אַראָפּנעמען די שיך און אָנטאָן אַ מין לאַפּטשעס, פּונקט ווי עס טוען דאָס די מתפּללים אין אַ מאַכמאַדענישן מאָסק.

אָט די פּויערים, וואָס רוקן זיך איצט איבער די הויכע עלעגאַנטע זאַלן, האָבן אין די אַמאָליקע יאָרן זעלטן, אָדער כמעט קיין מאָל ניט, געהאַט די געלעגנהייט צו באַזוכן קונסט־אויסשטעלונגען, אָדער דאָס וואוינאָרט פֿון צאַר. איצט קענען זיי. דאָך זעט עס ניט אויס אַז זיי קומען זיך באַקענען מיט די שאַפֿונגען פֿון רעמבראַנדט אָדער רובענס. זיי גייען אַריין אין אַ מין הייליקטום, פֿאַר זיי אַ

*) בעת אונדזער באַזוך איז סטאַלינס קערפּער נאָך געלעגן אין מאַזעליי.

קדשי־קדשים, דער סימבאָל פון מאַכט. זייערע אויגן זיינען ווייט אָפן אין גרויס פאַרוואונדערונג. זייערע פיס טרעטן אויף די געצירטע, אויסטערלישע דילן אין דעם באַוואוסטזיין אַז זיי גייען אַרום איבער דעם גן־עדן התחתון און, דורך אַ געשיכטלעכן צופאַל, שפּאַצירן זיי דאָרט, וואו עס האָבן אַמאָל געטראָטן פרינצן און צאַרן. זיי דריקן אויס אָפּשיי פאַר דעם זיצאָרט פון מלכים און ניט פאַר קונסט, וואָס זיי פאַרשטייען ניט. דעם שטאַרקסטן איינדרוק מאַכט אויף זיי דער בנין גופא ווי אַ פאַרקערפערונג פון מאַכט און מאַיעסטעטישקייט.

מען הערט דאָס פאָלק רעדן וועגן די קאָמוניסטישע באַלע־באַטים מיט דעם זעלבן יראת הכבוד, גענערט פון אונטערטעניקייט ווי אַמאָל וועגן די פריצישע הערן. אין רוסלאַנד איז פאָרגעקומען אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע, אָבער, ווי עס זעט אויס, האָט זי ניט ראַדיקאַל איבערגעביטן דעם אָרט דענקען פון פאָלק, כאָטש די ראַם פאַר זיין טראַכטן האָט זיך דראַמאַטיש געענדערט.

קאַפּיטל צוועלף

די יידן אין רוסלאַנד — זייער היינט און מאָרגן

די פאַרצווייפלונג צווישן דער יוגנט. — דער חורבן פון דער יידישער קולטור. ווי די רעגירונג באַציט זיך צו דער יידישער אמונה. — די שול, דער איינציקער יידישער צענטער. — אַ פאַרגלייך מיט די צייטן פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע. — די סיבות פון אַנטיסעמיטיזם. — כרושטשאָווס רייד צו אַ דעלעגאַציע פון די פראַנצייזישע סאָציאַליסטן. — דער קלוגער ייד.

דער היינט פון דעם יידן אין סאָוועט-רוסלאַנד איז אַ פינצ-טערער. עס נאָגט דאָס האַרץ וועגן מאָרגן. עס איז אַ לעבן אָן האָפענונג.

דער עלטערער דור איז ניט מער ווי שאָטנס פון אַמאָל. אַלע זיינע אידעאַלן און האָפענונגען ליגן פאַרשוועכט און באַשמוצט. ער האַלט זיך נאָך אָן דעם ביסעלע לעבן. פּונקט ווי יענער ייד וואָס האָט געדריקט דאָס פלעשעלע ישראל-ערד צום האַרצן, פאַרטרייבט ער זיין אומעט מיט דעם זיסן געדאַנק אַז ערגעץ ווייט לעבן יידן פריי, אַז ערגעץ וואו לעבן יידן אין אַן אייגן לאַנד.

דער יינגערער דור איז אַ פאַרלאָרענער און צעטומלטער. ער קען ניט פאַרשטיין וואָס עס איז מיט אַמאָל געשען. ער איז דאָך געבוירן געוואָרן און זיך אויפגעהאָדעוועט אין אַ וועלט וואו ער איז געווען גלייך מיט אַלעמען. און פּלוצעם זאָגט מען אים, אַז ער איז אַ זייטיקער און — וואָס נאָך ערגער — מען פרעגט אָפּ זיין

געטריישאַפּט צום לאַנד. מען קוקט אויף אים מיט פאַרדאַכט און מען שטויסט אים אַראָפּ אויף אַלץ נידעריקערע שטאַפּלען פון לעבן.

דער וויטאָג איז נאָך גרעסער, ווייל ער קען ניט געפינען קיין גייסטיקע טרייסט אין אַן אייגענער היימישער סביבה, ווייל ער האָט ניט וואו זיך צוצוטוליען. רעליגיעז איז ער ניט, יידיש קען ער ניט... און עס וואָלט געווען פאַר אים אַ קנאַפּע טרייסט אַפילו ווען ער קען יידיש. עס איז דאָך ניטאָ קיין יידישער טעאַטער, עס ווערט דאָך ניט געשאַפן קיין יידישע ליטעראַטור. יידיש, אָדער העברעיש, וואָס סימבאָליזירן אַז יידן איבער דער וועלט זיינען איין פאָלק, מיט איין קולטור — זיינען ביי דער רוסישער רעגירונג טריף. זי אָנער־קענט ניט קיין יידיש וועלטפאָלק. מיר האָבן געזען אין רוסלאַנד אויף די ציטונג־שטעלן קאָמוניסטישע ציטונגען און זשורנאַלן אין אַלע שפּראַכן פון דער וועלט. אָבער וויפל מיר האָבן זיך ניט נאָכ־געפרעגט, האָבן מיר ניט געקענט קריגן די ניו־יאָרקער „מאָרגן־פרייהייט”, די וואַרשעווער „פאָלקסשטימע”, אָדער די קאָמוניס־טישע „פריי ישראל” און „קול העם” וואָס גייען אַרויס אין ישראל. רוסלאַנד איז דאָס איינציקע לאַנד מיט אַ יידישער באַפעלקערונג, וואו מען קען ניט געפינען אַ וועלכע ניט איז אויפשריפט מיט יידישע אותיות, סיידן אויף אַ סינאַגאָגע.

אמת, אונטערן דרוק פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג איבער דער וועלט, האָט מען אין 1959 אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג פון שלום עליכמס דערציילונגען, אויך אַ באַנד פון מענדעלע מוכר ספרים, און אין 1961 זיינען אַרויס אויסגעוויילטע ווערק פון בערגעלסאָן און די לידער פון אשר שוואַרצמאַן. די אַלע ביכער זיינען דער עיקר פאַר דעם אויסלענדישן עקספּאָרט, צו באַווייזן אַז יידיש ווערט ניט פאַרפאָלגט. איך בין געגאַנגען פון איין בוכהאַנדלונג אין אַ צווייטער און זיי ניט געקענט קריגן. מיינער אַ פריינד, אַ טוריסט, האָט אין מאָסקווע זיך געקלאָגט פאַר דעם פירער (גאַיד) זיינעם פאַרוואָס מען זעט ניט אין די בוך־געשעפטן קיין יידיש בוך. האָט מען אים אויף מאָרגן געבראַכט אין אַ געשעפט, וואו מען האָט אים דער־לאַנגט די דערמאָנטע פיר ביכער.

נאָך שווערע געבורט-ווייען איז אַרויס דער ערשטער נומער פֿון דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", וועגן וועלכן מען האָט טרומייטערט אין אויסלאַנד אַ לאַנגע צייט. ס'איז דערביי אינטערע־סאַנט אַז דער זשורנאַל איז אַן אָרגאַן פֿון שרייבער-פֿאַרבאַנד פֿון סאָוועט-רוסלאַנד און ניט פֿון קיין יידישן שרייבער-פֿאַראיין. ער איז ליידיק פֿון יעדן יידישן אינהאַלט און זיין ציל איז, ווי עס ווערט געזאָגט אין פֿאָרוואָרט, „צו באַווייזן ווי קאָמוניסטישע אידייען באַהערשן די ברייטסטע פֿאָלקס-מאַסן", געפֿינען מיר דאָרטן אַ ליד צו קובאַ און איר רעוואָלוציאָנערן העלד, פֿידעל; אַ ליד צו קאָנגאָ, וואָס מען שלאָגט זי „מיט קייטן איבערן פּנים" און אַ יידישע פֿאָטעטסע ברענגט טרייסט דער אלמנה פֿון לומומבאַ. זי זאָגט צו איר: „דיין טרער האָט מיין לייב מיר געבריט ביזן ביין". צי דאָס וועט העלפֿן אַז דער זשורנאַל זאָל דערגיין צו די רוסישע יידישע פֿאָלקס-מאַסן איז אַ גרויסע פֿראַגע.

אויף יעדן אויסדרוק פֿון יידישן קולטור-לעבן אין יידיש, אָדער העברעאיש, אָדער אַפֿילו אויף רוסיש, קוקט די סאָוועטישע רעגי־רונג קרום. דאָס ערגסטע, עס איז ניטאָ און ניט מעגלעך אין סאָוועט־רוסלאַנד קיין שום פֿאָרעם פֿון אַ וועלכן ניט איז אָרגאַניזירט יידיש לעבן. אין די פֿרייע לענדער, ווען אָפּגעפֿרעמדטע יידן ווילן זיך אומקערן צוריק אַהיים, האָבן זיי וואוהין צו גיין. עס איז פֿאַר זיי אָפֿן די וועלט פֿון דער יידישער קולטור אין אַלע שפּראַכן, אין אַלע לענדער. אין אַמעריקע קען אַזאַ איינער זיך אָנשליסן אָן אַ סינאַ־גאָגע, אַ טעמפּל, אַ צענטער אָדער אַ וועלטלעכער יידישער אָרגאַני־זאַציע. ער האָט אַלע מעגלעכקייטן זיך צו באַטייליקן אין אַ יידיש־געזעלשאַפֿטלעך לעבן. אין סאָוועט-רוסלאַנד איז ניטאָ קיין שום געזעלשאַפֿטלעך לעבן, אַחוץ דער אָפֿיציעלער קאָמוניסטישער. יידישע עלטערן האָבן אַפֿילו ניט קיין מעגלעכקייט צו געבן די קינדער אַ יידישע דערציאונג. אויף וויפֿל דאָס ווערט געטאָן, ווערט עס געטאָן באַהאַלטענערהייט.

אַפֿילו אין די פֿינצטערסטע צייטן פֿון מיטלעלטער, אַפֿילו אין די צייטן פֿון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע — האָבן יידן געקענט

האָבן זייערע אייגענע קהילות, פירן זייער אייגן אַרט לעבן, לערנען יידישע ספרים און געבן די קינדער אַ יידישע דערציאונג.

***

אָבער איין יידיש האַרץ ציט צו אַ צווייטער. אַ ייד וויל זיך טרעפן מיט יידן. ער וויל פאַרטרייבן זיין עלנט און אומעט אין קרייז פון יידן. דער סאָוועטישער יונגער ייד איז אַ קנאַפּער קענער פון וועלכער ניט איז יידישקייט, דאָך איז זיין יידיש געפיל גאַר שטאַרק. ער זוכט ווי עס איז עס אויסצודריקן. גייט ער אין דער סינאַגאָגע.

אַ מאָדנע געפיל נעמט אייך אַרום, ווען איר קומט אין רוסלאַנד אַריין אין אַ שול. איר דערפילט אַרום זיך אַ דערדריקנדיקע, מיס־טעריעזע שטילקייט. מען רעדט איינער צו דעם אַנדערן דורך אַ קרעכץ, דורך אַ תפילה. די תפילה פאַרבינדט ניט נאָר מיט גאָט, מיט אייגענע יידן, נאָר אויך מיט יידן איבער דער וועלט. און וויפל בענקשאַפט ווערט אויסגעדריקט אין די תפילות, וואו עס רעדט זיך וועגן ציון און ירושלים!

איר זעט אויך אין שול יונגע מענטשן. זיי שטייען שטיל. זיי קענען ניט זאָגן די תפילות, אָבער זיי העפטן זיך צונויף מיט די יידן אַרום, זיי ווערן איינס מיט זיי. און ווער ווייס, אפשר קומען זיי גלאַט אַזוי זיך טרעפן מיט יידן, רעדן מיט יידן? וואו דען קענען זיי דאָס טאָן?

די אַלגעמיינע אַטמאָספער פון דער שול האָט אויך מיך פאַר־כאַפּט. שוין יאָרן ווי מיין פוס איז ניט אַריבערגעטראָטן די שוועל פון אַ שול — אָבער ווען איך האָב אין שול, אין די רוסישע שטעט, דערזען פאַר זיך דערשראָקענע, הילפלאָזע יידן — האָט מיך זייער צער אַרומגעכאַפּט און איך האָב מיט גרויס אייפער גענומען מיט־זאָגן די תפילות. עס האָט זיך מיר אויך געוואָלט זיין איינס מיט זיי.

ווען איך בין צו נאָענט צו דעם ארון קודש, האָב איך באַמערקט אין אַ שוואַרצער ראַם הענגט אַ תפילה אין רוסיש און לשון־קודש. אין דער תפילה ווערט געבעטן אַז דער באַשאַפער פון דער וועלט זאָל באַשיצן די סאָוועטישע רעגירונג און די סאָוועטישע מדינה, ווייל זי איז דער מקור און אַפּהיטער פון שלום. עס ווערט געבעטן

אַז דער אַלמעכטיקער זאָל באַשיצן די מדינה פון יעדער שלעכטס און אירע שונאים זאָלן פאַרטיליגט ווערן פאַר אירע אויגן. איך האָב געלייענט די תפילה אַ פּאָר מאָל און ניט געגלייבט מיינע אויגן. אַמאָל פלעגן יידן אוים מורא בעטן פאַרן וואוילזיין פון דעם צאַר און זיין רעגירונג. היינט — מסתמא אויך אוים מורא — בעטן זיי פאַר דעם וואוילזיין פון דער סאָוועטישער רעגירונג.

יידן גייען אין שול מיט אַ שרעקעוודיק האַרץ, ווייל אין רוסלאַנד שטראָפט מען קינדער פאַר די „זינד" פון די עלטערן. עס טרעפט ניט איין מאָל אַז מען פאַרפאָלגט קינדער אויף זייערע שטעלעס אָדער אין שול, ווייל זייערע עלטערן זיינען פינצטערלינגע.

***

אין אַ שיינעם טאָג, אָדער אפשר גאָר מיאוסער נאַכט, איז אין סטאַלינס פינצטערן מוח אויפגעקומען דער געדאַנק, אַז יידן זיינען מער ניט קיין פאָלק, אַז זיי ווילן מער ניט זיין קיין יידן. אוים מיט יידן אין רוסלאַנד און אוים מיט דער יידישער פּראָבלעם. אַי, דאָס שטימט ניט מיט די פאַקטן פון רעאַלן לעבן אין רוסלאַנד, און דער וועמען מען האָט דערקלערט פאַר טויט, ווייזט גאָר אַרוים אַלע סימנים פון לעבן — איז ערגער פאַר אים, איז ערגער פאַר די פאַקטן, מוז מען זיי אויסראָטן. און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ טעראָר קעגן דער יידישער קולטור. מיר וועלן דאָ סטאַלינס גזירות קעגן יידן ניט איבערחזרן. זיי זיינען אַלעמען באַקאַנט.

אינטערעסאַנט איז אַז אין זיין באַרימטער רעדע אויפן 20סטן קאָנגרעס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פעברואַר 1956 — האָט כרושטשאָוו אויסגערעכנט סטאַלינס פאַרברעכנס קעגן אַ סך קליינע פעלקער, ווי די קאַלמיקן, למשל. ער האָט אָבער ניט דער־מאָנט מיט איין וואָרט סטאַלינס פאַרברעכנס קעגן די יידן, דער יידישער קולטור און די יידישע שרייבערס. ער האָט עס אויך ניט געטאָן אויף דעם 22סטן קאָנגרעס אין אָקטאָבער 1961.

אָבער גראָד דעמאָלט ווען מען האָט געזאָגט דעם יידן: — „הער אויף צו זיין אַ ייד" — האָט אין רוסלאַנד אויפגעהויבן איר קאָפּ די שלאַנג פון אַנטיסעמיטיזם. אייגנטלעך איז דאָס פאַרליי־

קענען די יידישע עקסיסטענץ געווען ניט מער ווי אַן אַנטיסעמיטישע מאַניפעסטאַציע מצד דער רעגירונג. אַזוי געפינט זיך דער ייד צווישן צוויי שטולן: פון איין זייט זאָגט מען אים דו ביסט ניט וואָס דו מיינסט, דו ווילסט גאָר זיין אַ רוס און ניט קיין ייד, אָבער ווען עס קומט צו דיסקרימינאַציע, צו אָנטאָן צרות, ווערט ער צוריק אַ ייד, אַ באַזונדערע גרופּע אין דער רוסישער מדינה. מען לאָזט ניט דעם רוסישן יידן זיין וואָס ער איז, אָבער מען באַטראַכט אים אויך ניט פאַר קיין גלייכן. ער איז אַן אַרויסגעשטויסענער פון דער געזעל-שאַפט.

אין אַ געוויסער הינזיכט דערמאָנט די לאַגע פון די יידן אין סאָוועט-רוסלאַנד אָן דער לאַגע פון די יידן און געשמדטע יידן, אָדער ווי מען פלעגט זיי רופן מאַראַנען — די פאַרשאָלטענע — אין 15טן יאָרהונדערט, אין דער צייט פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע. פריער האָט מען אין שפּאַניע געצוואונגען די יידן זיך צו שמדן, אָבער ווען זיי האָבן זיך שוין געשמדט, האָט מען זיי ניט געטרויט און מען האָט איינגעשטעלט די אינקוויזיציע אויף צו פייניקן זיי. אויך אין רוסלאַנד האָט מען געטאָן אַלץ די יידן צו אַסימילירן. האָט מען געזען אַז זיי אַסימילירן זיך, האָט מען אויפגעהערט זיי טרויען, מען האָט גענומען פאַרדעכטיקן אַז דאָס יידישע האַרץ קלאַפּט פאָרט ביי זיי. ווייל מען איצט דורך טעראָר איינשרעקן דעם יידן ער זאָל אויפהערן זיין ייד, אָבער דאָך פאַרבלייבן אַ מאַראַן, אַ פאַרשאָלטענער.

און פונקט ווי אין דער צייט פון דער אינקוויזיציע האָבן זיך געפונען יידן, אמת געשמדטע יידן, און רבנים וואָס זיינען געוואָרן גלחים, און זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די פייניקערס, זיינען אויך אין אונדזער צייט פאַראַן יידן וואָס העלפן פאַרדעקן פאַר דער וועלט דעם רוסישן אַנטיסעמיטיזם.

***

די רוסישע רעגירונג האָט אַ קעגנערישע שטעלונג צו רעליגיע, צו אַלע רעליגיעס. אָבער באַזונדער קעגנעריש און פאַרביטערט איז זי קעגן דער יידישער רעליגיע. אין דער אַגיטאַציע-ליטעראַטור,

אין דער פּרעסע, ווערט די יידישע רעליגיע פאַרגעשטעלט ווי אַ פּרימיטיווע, באַרבאַרישע. עס ווערט אָפּגעחוזקט פון יידישע צערע־מאָניעס און מנהגים. זיי ווערן געשילדערט ווי די נידעריקסטע, געמיינסטע. נאָך מער, די יידישע רעליגיע איז אַנטי־סאָציאַל, קעגן די שענסטע מענטשלעכע פּרינציפּן. זי איז קעגן די אינטערעסן פון דער סאָוועטישער מלוכה. זיין געטריי דער יידישער רעליגיע איז אין אַ געווויסן זין אומטרייהייט צו דער סאָוועטישער אָרדענונג. קיין אַנדער רעליגיע אין רוסלאַנד ווערט נישט אַזוי געשטעלט אין אַזאַ ליכט, ווערט נישט פאַרבונדן מיט אומפּאַטריאָטישקייט צו דער מלוכה. אָט אין דער מיאוסער העצע קעגן דער יידישער רעליגיע האָבן געהאַט און האָבן אַ חלק די יידישע קאָמוניסטן.

אין דער צייט ווען אַלע אַנדערע רעליגיעס האָבן אַ רעכט צו שאַפן צענטראַלע קערפּערשאַפטן. האָט עס נישט די יידישע. עס קומען נישט פאַר קיין באַגעגענישן פון רבנים פון פאַרשיידענע שטעט, ווי דאָס טוען די גייסטלעכע פון אַנדערע רעליגיעס. אין דער צייט, ווען פאַר אַנדערע רעליגיעס ווערן פּראָדוצירט אין לאַנד זייערע הייליקע אָביעקטן, ווערן אַרויסגעגעבן זייערע הייליקע ביכער, ווערט דאָס נישט געטאָן פאַר דער יידישער רעליגיע. פאַר דער קריסטלעכער קירך ווערן פּראָדוצירט גענוג איקאָנעס, גענוג ליכט; עס ווערט אַרויסגעגעבן זייער עוואַנגעליע און זייערע געבעט־ביכער. זינט דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע האָט מען אין רוסלאַנד נישט פּראָ־דוצירט קיין טלית און תפילין, נישט געדרוקט דעם תנך, אָדער אַ יידישן לוח. עס גייט פון האַנט־צו־האַנט אַ געשריבענער לוח. מנינים — וואָס די יידן זיינען באַרעכטיקט צו אָרגאַניזירן — ווערן באַטראַכט ווי נישט־לעגאַלע פאַרזאַמלונגען. דאַווענען יידן, אַזוי ווי אַמאָל די מאַראַנען, באַהאַלטערנערהייט, שטענדיק אין שרעק אַז מען זאָל זיי כאַפּן. אין מאָסקווע, וואו עס לעבן דריי הונדערט טויזנט יידן, איז אין גאַנצן דאָ איין שול. אין אַ סך שטעט זיינען אין גאַנצן קיין שולן נישטאָ. אמת, אויף אַ דרוק פון אויסלאַנד איז מיט עטלעכע יאָר צוריק אַרויס אַ סידור אין מאָסקווע אין 5000 עקזעמפּלאַרן. דער סידור איז שוין מער נישטאָ.

מיר וואָלטן אַזוי געקענט אויסרעכענען נאָך אַ סך און אַ סך אויסנאַם-האַנדלונגען קעגן דער יידישער רעליגיע. יידן זיינען באַרעכטיקט צו אַלץ וואָס די אַנדערע רעליגיעס, אָבער זיי לעבן אין שרעק און האָבן מורא צו מאָנען וואָס עס קומט זיי.

כדי צו האַלטן יידן אין שרעק, אַרעסטירט מען פון צייט צו צייט חשובע יידן. אָפיציעל איז די באַשולדיקונג, אַז זיי זיינען ספּעקולאַנטן, געלט-אויסבייטערס, אָדער שפּיאָנען פאַר אַ פרעמדער מדינה (געמיינט: מדינת-ישראל).

דער לענינגראַדער ייד פּעטשאָרסקי האָט געהאַט דעם מוט צו מאָנען וואָס יידן קומט: מצה אויף פּסח. פאַר דער חוצפּה זיינער האָט מען אים אַרעסטירט און, ווי מיר האָבן געלייענט אין די צייטונגען, פאַרפירט קעגן אים אַ פּראָצעס פאַר ספּעקולאַציע. די אַרעסטן דאַרפן אויך אָפּשרעקן יידן צו קומען אין אַ וועלכן ניט איז קאָנטאַקט מיט מיטגלידער פון דער ישראל-געזאַנדשאַפט אין רוסלאַנד, אָדער בכלל מיט יידן פון אויסלאַנד.

***

פון וואַנען נעמט זיך דער סאָוועטישער אַנטיסעמיטיזם? אויף אַ טייל סיבות האָבן מיר שוין אָנגעוויזן אין די פריערדיקע קאַפּיטלען. די גרונד-סיבה געפינען מיר אין דער יידישער גלות-געשיכטע, און, ווי מיר וועלן זען, האָט כרושטשאָוו גאַנץ אָפן צוגעגעבן די סיבה אין זיין געשפּרעך מיט אַ דעלעגאַציע פון דער פראַנצייזישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין מאָסקווע אין יאָר 1956. יידן האָט מען אויפגענומען ברייט אין אַ לאַנד ווי לאַנג מען האָט זיי געדאַרפט עקאָנאָמיש, ווי לאַנג מען האָט זיי געקענט אויסניצן. דעריבער לייענען מיר אָפט אין דער יידישער געשיכטע ווי אין דעם מאָמענט, ווען דער ייד ווערט אַן איבעריקער, לאָזט מען אויס דעם גאַנצן כעס אויף אים. דער ייד ווערט אָפט אַ בליץ-אָפּלייטער פון דעם פאָלקס-צאָרן קעגן די הערשערס. דער דונער טרעפט דעם יידן, אַנשטאָט ער זאָל טרעפן די וואָס באַדריקן דאָס פאָלק. ווען דער ייד ווערט איבעריק, פאַרטרייבט מען אים אָפט אין גאַנצן פון לאַנד.

אין 13טן יאָרהונדערט האָט פּוילן אויפגענומען מיט ברייטע אָרעמס דעם וואַנדערדיקן יידן און אים געגעבן פאַרשיידענע פּריווילעגיעס. געשען איז דאָס צוליב דעם, וואָס פּוילן האָט יעמאָלט זיך געניטיקט אין אַ מיטלקלאַס. אָבער ווען מיט דער צייט איז אין פּוילן אויפגעקומען אַן אייגענער פּוילישער מיטלקלאַס, וואָס האָט ניט געוואָלט ליידן דעם יידנס קאָנקורענץ, איז פּוילן געוואָרן איינע פון די פאַרביטערטסטע אַנטיסעמיטישע לענדער.

דער פראַנצייזישער דעלעגאַציע האָט כרושטשאָוו געזאָגט גאַנץ אָפנהאַרציק: „ביים אָנהייב פון דער רעוואָלוציע האָבן מיר געהאַט אַ סך יידן אין דער פירערשאַפט פון דער פּאַרטיי און פון דער מלוכה. זיי זיינען געווען מער געבילדעט, אפשר אויך מער רעוואָלוציאָנער, ווי דער דורכשניטלעכער רוס. אין משך פון דער צייט האָבן מיר געשאַפן נייע קאַדרען... (כרושטשאָוו האָט מיט דעם געמיינט אַן אייגענע רוסישע אינטעליגענץ). זאָל דער ייד איצט וועלן פאַרנעמען די אָנגעזעענסטע פּאָזיציעס אין דער רעפּובליק, וועלן אויף דעם קוקן קרום די אָרטיקע באַפעלקערונגען (עס ווילט זיך דאָ פרעגן: געהערן דען ניט די יידן צו דער רוסישער באַפעלקערונג? — ז. י.). זיי וועלן מיט אומצופרידנקייט אויפנעמען אַזעלכע פּרעטענזיעס פון די יידן, באַזונדער ווען זיי באַטראַכטן זיך ניט וויניקער אינטעליגענט און ניט וויניקער פעאיק ווי דער ייד...”

אָט דאָס איז דער ענטפער, אַן אָפנהאַרציקער ענטפער, פאַרוואָס עס איז אויפגעקומען דער אַנטיסעמיטיזם אין רוסלאַנד. ביים אָנהייב פון דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש האָט די רוסישע אינטעליגענץ זיך אָפּגעזאָגט מיטצואַרבעטן מיט דער באָלשעוויסטישער רעגירונג, אָדער איז אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד. דער באָלשעוויסטישער אַפּאַראַט האָט יעמאָלט זיך אויך געניטיקט אין אַ גרעסערער אינטעליגענץ. האָט מען דעם יידן אויפגענומען מיט ברייטע אַרעמס, אָבער איצט... איצט איז ער דאָך ניט מער ווי אַ קאָנקורענט צו דעם רוסישן אינטעליגענט. איז צו וואָס דאַרף מען אים?

צו דעם קומט נאָך צו וואָס רוסלאַנד פירט אַ פּראָ־אַראַבישע פּאָליטיק וואָס פּאַרט זיך זייער גוט מיט אַנטיסעמיטיזם אין אייגענעם לאַנד. שנאה צו מדינת ישראל איז פאַר רוסלאַנד אַן אידעאַלער זיווג מיט שנאה צו די אייגענע יידן.

***

יידן, ווי שלעכט עס איז זיי ניט געווען, האָבן אין די ערגסטע צייטן געקענט דערציילן אַ מעשה מיט אַ וויץ. איז וויל איך מיינע רייזע־איינדרוקן אויך פאַרענדיקן מיט אַ מעשה וואָס איך האָב געהערט. מען דערציילט, אַז ווען אין צייט פון דער מלחמה האָט מען דערוואַרט טשוירטשילן אין מאָסקווע, האָט סטאַלין זיך געכאַפּט אַז עס וועט זיין ניט שיין, ווען טשוירטשיל וועט זען לאַנגע רייען ביי די שפּייז־קראָמען. האָט ער זיך געעצהט מיט זיינע נאָענטע וואָס צו טאָן. האָבן זיי אים געזאָגט, ער זאָל אין דעם טאָג פון טשוירטשילס באַזוך הייסן פאַרמאַכן די קראָמען, וועט מען ניט שטיין אין אַ ריי. ער האָט די עצה ניט אָנגענומען, ווייל עס קענען נאָך פאַרקומען ראַיאָטן. פאַלט אים איין אַ געדאַנק, אַז ער וועט זיך האַלטן אַן עצה מיט אַ קלוגן יידן. יידן האָבן גוטע איינפאַלן. האָט מען צו אים געבראַכט אַזאַ ייד. ווען דער ייד האָט געהערט סטאַלינס פאַרלעגנהייט, זאָגט ער אים:

— היים מיר געבן רויטן לייוונט וויפיל איך וועל נאָר וועלן, און איך וועל שוין געפינען אַן עצה.

פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט דעם יידנס פאַרלאַנג באַלד באַוויליקט. אין דעם טאָג ווען טשוירטשיל איז געקומען זיינען איבער אַלע שפּייז־קראָמען געהאַנגען לייוונטענע אויפשריפטן: שפּאַרקאַסע, דאָ שפּאָרן בירגער זייער געלט. האָט טשוירטשיל זיך געוואונדערט און געזאָגט:

— אייך רוסן, איז שווער צו פאַרשטיין. אין צייט פון מלחמה, ווען מענטשן פאַלן אויף די שלאַכטפעלדער, שטייט איר אין אַ לאַנגער ריי אָוועקצולייגן געלט אין באַנק?

פאַרשטייט זיך, אַז סטאַלין איז געווען איבערגליקלעך. ער האָט געשיקט רופן דעם יידן און אים געזאָגט:

— פֿאַר דײַן קלוגן אײַנפֿאַל בין איך גרייט דיר צו געבן אַלץ וואָס דו וועסט נאָר וועלן, איך בין גרייט דיך צו באַגליקן.

האָט דער ייד גלייך געענטפֿערט סטאַלינען:

— אויב איך האָב געפֿונען אַזוי פֿיל חן אין אײַערע אויגן, איז זײַט אַזוי גוט צו מיר און גיט מיר אַ דערלויבעניש צו פֿאַרלאָזן רוסלאַנד.

דערווײַל האָט דער ייד אין רוסלאַנד אַזאַ דערלויבעניש נאָך ניט געקראָגן. ער קען דאָס לאַנד ניט פֿאַרלאָזן. דאַרפֿן מיר, די מער גליקלעכע ברידער זײַנע אין אַנדערע לענדער, ניט מיד ווערן אויפֿצוועקן די געזעלשאַפֿטלעכע מיינונג פֿון דער וועלט צום גונסטן דעם ייד אין רוסלאַנד, אַז ער זאָל צוריקקריגן זײַנע מענטשלעכע רעכט, זײַנע בירגער-רעכט וואָס קומט אים, זײַנע רעכט זיך צו לערנען און זײַנע רעכט אויף אַרבעט באַגלייך מיט אַלע אַנדערע מענטשן פֿון רוסלאַנד; אַז די יידישע רעליגיע זאָל קריגן אירע רעכט וואָס קומט איר, אַז יידיש און העברעאיש זאָלן אויפֿגעשטעלט ווערן אין זייערע רעכט, אַזוי ווי די שפּראַכן פֿון אַנדערע פֿעלקער, און אַז יידן זאָלן קענען אַנטוויקלען זייער אייגענע קולטור.

געזעצט און געדרוקט ביי
מאַרסטין פּרעס, אינק',
228 איסט 45 סט', ניו-יאָרק
אייגנטימער: י. לאַנדאָן

438